STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05445

YIDN IN MITLALTER

Israel Abrahams

*Permanent preservation of this book was made possible
by Melissa P. Chase
in memory of
Nicholas Chase*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. י. אַבראַהאַמס.

יידן אין מיטלאַלטער

יידיש: א. ז. כהן.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE

פאַרלאַג „צענטראַל״
1923 וואַרשע

[illegible] WARSZAWA, [illegible]SKA 4.

אינהאַלט:

	זייט
די שול	5
דאָס לעבן אין שול	10
די געמיינדע־איינריכטונג	15
די גרינדונג פונם געטאָ	24
די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל	31
באַשולדיקונגען און בלבולים	37
די פרוי און דאָס הויזלעכע לעבן	42
דאָס הויזלעבן	49
ליבע און שידוכים	54
די חתונה־מנהגים	61
יידישע עסקים און מסחר	68
די יידן און דער טעאַטער	80
די יידישע קליידונג	84
די צדקה־איינריכטונג	91
די דערציאונג און דאָס לערנען אין מיטלאַלטער	97
די מיטלאַלטערלעכע שפּילן	103
די יידיש־קריסטלעכע באַציאונגען	107

די שול.

אין דער צייט פון מיטלאַלטער איז די שול געוואָרן דער אַלגעמיינער צענטער פון יידישן לעבן. אַרום דער שול האָבן זיך געבויט און אויסגעשפּרייט די יידישע קוואַרטאַלן, און דאָס איז געווען די הויפּט-סיבה, וואָס אין קריסטלעכע אָדער מוסול־מאַנישע שטעט האָבן זיך יידן באַזעצט אין באַזונדערע גאַסן. אויך אין די צייטן, ווען מען האָט יידן נישט געשטערט צו וואוינען צוזאַמען מיט זייערע נישט-יידישע שכנים, האָט די שול געזוכט אַלעמאָל מער און מער צו קאָנצענטרירן ביי זיך אַלע ענינים פון געמיינדע-לעבן.

שוין דער בית-המקדש האָט געדינט אַלס מיטלפּונקט פאַר איינ־קע כלל-ענינים, וואָס ס'האָט זיך צוערשט אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון דעם באַפרייאונגסקאַמף פון די מכבים. צווישן די מויערן פון בית-המקדש זיינען עפּטערס אָפּגעהאַלטן געוואָרן פּאָליטישע באַראַטונגען און עס האָבן זיך געלאָזט הערן פּראָטעסט-אויסרופן קעגן די בייזע מושלים. די פונקציעס פון דער שול אין מיטל־אַלטער זיינען געווען אין אַ געוויסער הינזיכט ברייטער, ווי די פונקציעס פון בית-המקדש.

די פּאָליטישע ענינים האָבן זיך אַפילו נישט תמיד אַריינגעריסן אין שול. דערפאַר אָבער האָבן די ענינים פון פּריוואַטן און גע־מיינדע-לעבן פאַרנומען אַ השובן פּלאַץ.

הגם די יידן פלעגן עפּטערס זיך באַטייליקן אין די פּאַטריאָטישע באַוועגונגען פון די לענדער, וואו זיי האָבן געלעבט, אָבער אַחוץ

דעם מי שברך פאַרן מלך, האָבן זיי אין זייערע תפלות נישט אָפּגעגעבן קיין אָרט פאַר פּאָליטישע ענינים. זייער וואַקלדיקער מצב אין לאַנד האָט זיי נישט דערלויבט זיך צו מישן אין די סכסוכים פון די פּאָליטישע פּאַרטייען.
זעלטן-ווען איז צוגעגעבן געוואָרן צום דאַווענען אַ באַזונדערע תפלה, וואָס ווייזט אַרויס אַ נייגונג צו אַ געוויסער פּאָליטישער פּאַרטיי אָדער מען זאָל אַוועקשטעלן אַ נצחון-דיינקמאָל פאַר דער שול, ווי די יידן האָבן עס געטאָן אין רוים.
אַזעלכע פאַלן זיינען אין יענע צייטן פאָרגעקומען זייער זעלטן.

אויב די יידן זיינען געווען ווייט פון פּאָליטישע תאוות און סכסוכים, האָבן, ווי געזאָגט, די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע ענינים פאַרנומען אין זייער לעבן אַ גרויסן פּלאַץ. ביזן אָנהויב פון XV יאָרהונדערט האָבן די יידן בכלל זיך נישט אָפּגעזונדערט פון דעם אַרומיקן אַלגעמיינעם לעבן.
נאָכמער, דער קרייז פון זייערע אינטערעסן איז געווען פיל ברייטער ווי דער אינטערעסן-קרייז פון די אַרומיקע נישט-יידן.

אַלס סוחרים האָבן די יידן באַזוכט פיל שטעט און לענדער. אַלס גלות-מענטשן זיינען זיי עפטער געווען געצוואונגען איבערצעוואַנדערן פון איין אָרט אין אַ צווייטן. דער ייד, וואָס האָט געלעבט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, האָט אַזוירנאָך באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן לעבן און די מנהגים פון זיינע ברידער אין די ווייטע לענדער.
וואַנדער-דרשנים און רבנים האָבן פאַרשפּרייט נייע אידייען, סוחרים און האַנדווערקער האָבן אַראָפּגעבראַכט נייע אַרטיקלען און מלאכות, חזנים האָבן געבראַכט נייע נגונים, ארץ-ישראל-יידן האָבן דערציילט מעשיות וועגן די הייליקע ערטער און ספורי-נפלאות—וועגן די משיחים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אַלעמאָל אויפסניי און אַזויאַרום איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון זייערע צוהערער גוטע האָפנונגען אויף אַ שיינער ליכטיקער צוקונפט.

דאָס יידישע לעבן איז נישט געווען באַגרענצט, הגם דער פּלאַץ, וואָס יידן האָבן פאַרנומען, איז געווען אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן. הונדערטער יאָרן לאַנג האָבן די רעגירונגען אין די קירכעס אָנגעווענדט אַלע מיטלען אָפּצוזונדערן יידן פון דער אַרומיקער וועלט, אַריינקוועטשן זיי אין אַ פינסטער ווינקעלע, אָבער אַלע זייערע פּראָבעס האָבן זיך גאָר ווייניק איינגעגעבן. אויך די אָנשטריינגונגען פון פּויפּסט, אינאָצענץ דעם דריטן, אויסצושליסן די יידן פון כלל מענטשן, און די רדיפות און בלבולים פון דער אינקוויזיציע און אַז. וו. און אַז. וו. האָבן אַלע צוזאַמען נישט געקאָנט באַזייטיקן די יידן פון אַלגעמיינעם לעבן, אין וועלכן זיי האָבן תמיד גענומען אַ גרעסערן אָדער קלענערן אָנטייל.

דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט אָבער געפעלט אַ צענטער. האָט די שול אויסגעפילט אָט דעם פּלאַץ. אין איר האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים און אַהין האָבן זיך געצויגן אַלע צייטווייליקע השפעות, וואָס זיינען אויפגעשוואומען אין פאַרשידענע צייטן.

די שול איז געווען אַזוי געשעצט און געאַכט פון עולם, אַז מען האָט זי גערופן „די ליבע שול", „די הייליקע שול".

אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט פלעגט דער שמש רופן אין די יידישע גאַסן: „אין שול אַריין!" אינדערוואָכן האָט מען גערופן צום דאַוונען אויף אַן אַנדער אופן. דער שמש אָדער „שולקלאַפּער" האָט געקלאַפּט מיט אַ הילצערנעם קלאַפּער איבער די טירן אָדער לאָדנס פון די הייזער, אַז ס'איז שוין צייט צו דאַוונען שחרית.

אין עסטרייך פלעגט מען קלאַפּן איין מאָל, דערנאָך צוויי מאָל באַך איינאַנדער און דערנאָך נאָך איין מאָל. אין דער ריין-געגנט האָט מען געקלאַפּט איין מאָל און דערנאָך צוויי מאָל. אויב ס'איז געווען אַ בר-מינן אין שטאָט, האָט מען געקלאַפּט נאָר צוויי מאָל, דערוויסנדיק זיך אַזוי אַרום, אַז אין שטאָט איז געשטאָרבן אַ ייד. די צרה פון יחיד איז געווען די צרה פון כלל און אַלע האָבן מיטגעפילט די אבודה. פון דעם מאָמענט אָן ביז איבער שבעה

האָבן פאַרשידענע חברות אין דער געמיינדע געזאָרגט דערפאַר, אַז דער פאַמיליע פון מת זאָל קיין זאַך נישט פעלן.
די גאַנצע געמיינדע האָט זיך באַטייליקט אויך אין אַלע שמחות פון יחיד, ווי אַ חתונה אָדער ברית-מילה. שוין ביים דאַווענען האָבן די מתפּללים אַרויסגעוויזן זייער אָנטייל דערמיט, וואָס זיי האָבן נישט געזאָגט קיין תּחנון. דער טרויעריקער אינהאַלט פון תחנון וואָלט נישט געשטימט מיט דער פרייליכער שטימונג פון אַ שמחה.

די שול האָט אַזויאַרום פאַרשטאַרקט דעם באַנד, וואָס האָט צוזאַמענגעקניפּט אַלע מיטגלידער פון דער יידישער געמיינדע.
דערדאָזיקער באַנד האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין אַ באַזונדער מנהג: די מתפּללים פלעגן אָפּשטעקן שלום יעדן פרעמדן ייד, וואָס איז געקומען אין שול און אויסגעפּרעגט וועגן זיינע געשעפטן און פונוואַנען ער קומט. דערביי האָט יעדער געזוכט אים צו קומען צו הילף צוליב דער מצוה: ואהבתם את הגר. אויב דער גאַסט איז געווען אַן אָרימאַן, האָט מען אים פאַרבעטן אויף אַ מאָלצייט.
פרעמדע אָרעמעלייט, וואָס זיינען געקומען אין שטאָט, זיינען פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַ „פּלעט". יעדער ייד האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב מיכבּדונעמען צו זיין טיש עטלעכע אורחים, וואָס האָבן באַקומען בילעטן פון גבאי פון שול אָדער פון אַ צדקה-חברה.

די שול איז געווען דאָס אָרט, וואו מען האָט פּראָטעסטירט קעגן אַ באַגאַנגענער עולה דורך „עיכּוב הקריאה"—נישט לאָזן לייענען, אַזוי לאַנג, ביז קהל האָט צוגעזאָגט זיך אָנצונעמען פאַרן באַעולטן. אין כּאָליש פון שול האָט מען אויך געשלאָגן מלקות פאַר עובר זיין אויף מאָראַלישע און רעליגיעזע געזעצן. די שול האָט מען אויך באַנוצט פאַר פאַרשידענע באַקאַנטמאַכונגען.

געוויזר ווערנדיק וועגן דעם, האָבן עס די רעגירונגען אַמאָל באַנוצט פאַר זייערע צוועקן. די איינגלישע רעגירונג, למשל, האָט געצוואונגען די יידן אויסצורופן אין שול, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ

פון די חובות, וואָס זיי האָבן ביי קריסטן. אין רוים האָבן יידן געמוזט אויסרופן אין שול יעדן ערב יום כפור וועגן די אַלע זאַכן, וואָס זיינען געגנבעט געוואָרן אין משך פון יאָר, כדי מען זאָל וויסן זיי נישט צו קויפן. אַ חוץ דידאָזיקע אויפגעצוואונגענע באַקאַנטמאַכונגען און אויסרופונגען, זיינען אויך געווען פיל באַקאַנטמאַכונגען, וואָס די געמיינדע האָט געמאַכט פון איר גוטן ווילן. אין פיל ערטער האָט מען שבת זיך נוהג געווען אויסצורופן אין שול יעדן פסק-דין וועגן פאַרשידענע משפטים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פון דער וואָך.

אין איטאַליע איז געווען דער מנהג, אַז ווער ס'האָט געוואָלט פאַרלאָזן זיין שטאָט, האָט געדאַרפט מעלדן דערפון אין שול, בכדי אַז ווער ס'האָט אויף אים אַ תביעה, זאָל זי וויסן אויפצומאָנען פאַר זיין אָפּפאָר.

בכלל איז דאָס גאַנצע אַלטעגלעכע לעבן געווען איינגעראַמט אין רעליגיעזע ראַמען, און קיינער האָט נישט געשפּירט קיין שום חלול-השם דערפון, וואָס זיי האָבן זייערע פּריוואַטע ענינים אַריינגעטראָגן אין שול.

אין דער שול האָט מען אויך געפייערט דעם זכרון פון פריילעכע און טרויעריקע געשעענישן אין געמיינדע-לעבן. אָרטיקע תעניתים און ימים-טובים, וואָס זיינען פאָרגעקומען זייער אָפט אין מיטלאַלטער, האָבן, קענטיק, אויסגעפילט דאָס „פּאָליטישע שטאָף", מחמת זיי זיינען גרעסטנטייל געווען פאַרבונדן מיט די אָרטיקע פּאָליטישע געשעענישן און זייער באַציאונג צו יידן.

נאָכמער ווי די תעניתים, געווידמעט דעם זכרון פון די אָרטיקע געשעענישן, האָבן געווירקט די קינות און סליחות, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אין יענע טעג. זיי האָבן אָנגעצונדן די יונגע הערצער און האָבן געשאַפן נייע העלדן, וואָס זיינען גרייט געווען צו שעכטן זיך און זייערע קינדער פאַר זייער אמונה און פאָלק.

דאָס לעבן אין שול.

דאָמיר איצט זען וויאַזוי די שול האָט אויסגעקוקט פון אינעווייניק און אויסנווייניק. אין מיטלאַלטער האָבן די שולן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אייגנאַרטיקן סטיל און כאַראַקטער. זיי האָבן געדאַרפט זיין די העכסטע בנינים אין שטאָט. אין אייראָפּע זיינען זיי טאַקע געווען די העכסטע. פאַרן פויפּסט אינאָצענץ האָבן די קריסטן אין שאַנץ זיך געקלאָגט, אַז די יידישע שול איז העכער ווי זייער דערבייאיקע קירך. מאַנכע שולן זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קליין גערטנדל. פאַר דער שולטיר איז על-פּי-רוב געלעגן אַן אייזערנער קראַצער צו רייניקן זיך די שיך. די טיר האָט פריער אַריינגעפירט אין פּאָליש (מיטל-דייטש-וואָרט). אינמיטן שול איז געשטאַנען די בימה אָדער אַל-מעמער (אַראַבישער נאָמען), אויף וועלכן מען האָט געלייענט די תורה. די שול פלעגט באַקומען געשיינקט זייער פיל זילבערנע כלים, אַזוי, אַז מען האָט נישט ביי אַלעמען אָנגענומען אַזעלכע מתנות. דער זכות צוצושטעלן ליכט פאַר דער שול פלעגט איבערגיין בירושה פון עלטערן צו קינדער.

די ווענט אינעווייניק זיינען געווען באַדעקט מיט ראשי-תיבותן פון פאַרשידענע פסוקים אָדער ברכות. אויסמאָלן בילדער פון חיות אָדער צמחים האָט מען געמעגט על-פּי-דין, אָבער מען האָט עס געוויינלעך נישט געטאָן, כדי נישט צו שטערן די כוונה ביים דאַוונען. אין אייניקע ערטער האָט מען זיך אפילו יאָ נוהג געווען אויסצומאָלן בילדער.

די שול פֿאַר די יידן אין מיטלאַלטער איז געווען נישט בלויז אַן אָרט צום דאַווענען, נאָר אויך אַן אָרט, וואו דער ייד האָט פֿאַרבראַכט אַ גרויסן טייל פֿון זיין לעבן, און אַזוי ווי אין געווינלעכן לעבן זיינען פֿאַראַן צייטן פֿון ערנסט און צייטן פֿון שמחה, האָט יעדע צייט געפֿונען איר אָפּקלאַנג אין שול. אַמאָל איז דער ייד געווען דאָרט ערנסט און פֿאַרטרויערט און אַמאָל לוסטיק-לעבעדיק.

דאָס געפֿיל פֿון ווירדע און שטאָלץ איז דעמאָלט געווען שטאַרק אַנטוויקלט ביי יידן. ערשט נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּגעזעסן דרייהונדערט יאָר אין דעם איינגן און שמוציקן „געטאָ", האָבן זיי ביסלעכווייז פֿאַרלאָרן דעם געשמאַק פֿאַר שיינע, זויבערע מלבושים און אויפֿגעהערט מקפּיד צו זיין בכלל אויף ריינקייט און גוטע מאַנירן.

אין דער צייט פֿון מיטלאַלטער אָבער האָבן זיי זיך געהאַלטן זייער זויבער און ציכטיק און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע שיינע מאַנירן.

אין די ספֿרי-דינים, וואָס זיינען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין יענער צייט, איז פֿאַראַן אַ גאַנצע סעריע דינים וועגן דרך-ארץ, ריינקייט און גוטן געשמאַק. אין משך פֿון דער צייט זיינען די אַלע דינים פֿאַרהייליקט געוואָרן און זיך ביסלעכווייז פֿערוואַנדלט אין אַ מעכאַנישער זאַך, וואָס ווערט געטאָן אָן אַ באַדאַכטקייט. אין מיטלאַלטער איז אָבער אַזוי נישט געווען. דער מהר"ל (ר' לוי מפּראג) האָט אויפֿגעהאַנגען אויף דער שולוואַנט אַ בייטעלע, וואו ער האָט געהאַלטן אַ נאָזטיכל—אַ חפֿץ, וואָס איז דעמאָלט גאָרנישט געווען באַקאַנט. פֿאַרן אַריינגאַנג אין שול האָבן אַלע זיך אָפּגערייניקט די שיך. גייענדיק אין שול אַריין, האָט מען אָנגעטאָן אַ שענער היטל. די הילצערנע קלאַפּנדיקע שיך, וואָס זיינען געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד אין פֿופֿצענטן יאָרהונדערט, האָט מען נישט געטאָרט טראָגן אין שול, און אין פֿיל ערטער האָט מען די שיך געמוזט לאָזן אין פּאָליש.

דאָס פֿאַרברייגען אָפּט אין שול האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז דער יראת-הכבוד צום מקום-קודש זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן,

און דערצו האָבן נישט ווייניק מיטגעהאָלפן די תּלמידי-חכמים גופא. די רבנים פלעגן האָבן אַ מנין ביי זיך אינדערהיים צוליב זייערע תּלמידים, און דעריבער פלעגן זיי נישט אָפּהיטן צו קומען אין שול דאַוונען צו דער צייט און עטערס זיינען זיי גאָרנישט געקומען. אויך זיצנדיק אין שול, האָבן זיי מעיין געווען אין ספרים בעת דער חזן האָט געזונגען. די איבעריקע מתפללים פלעגן שמועסן בשעת קריאת התורה און אינמיטן דאַוונען. די גבאים האָבן שטאַרק געקעמפט קעגן דערדאָזיקער אומאָרדענונג, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. מען פלעגט אויך קומען שפעט צום דאַוונען, באַזונדערס אום שבת, ווייל מ'האָט אָפּגעדאַוונט שחרית אינדערהיים, כדי מען זאָל קאָנען עפּעס טועם זיין. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען פרי און האָבן גאָרנישט געגעסן פאַרן דאַוונען, און צוליב זיי האָט מען געמוזט אויסטיילן אַ וויכטיקן טייל פון דער תפלה—

די דרשה.

אין דער צייט פון די חכמי-התלמוד און די גאונים, האָט די דרשה געהערט צום שבתדיקן דאַוונען אינדערפרי. אָבער אין מיטלאַלטער איז זי פאַרוואָרלאָזט געוואָרן. אָנפאַנגס האָט מען געהאַלטן די דרשה נישט אַלע וואָך, און שפּעטער האָט מען זי איבערגעטראָגן אין בית-המדרש אויף נאָך מיטאָג, צופאַסנדיק זי לויטן אינהאַלט מער פאַר לומדים, ווי פאַרן המון. ביסלעכווייז האָט דער רב אויפגעהערט צו זיין דער דרשן און פריידיקער, און דער גאַנצער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די וואַנדערנדיקע דרשנים אָדער „מגידים”. איינע פון די סיבות פון דער דרשה-ירידה זאָל זיין דאָס, וואָס אין פופצענטן יאָרהונדערט האָבן די יידן אָנגעהויבן ריידן דייטש.

גרויסע קריגערייען פלעגן על-פי-רוב אויסברעכן אין שול צוליבן פאַרקויף פון עליות און אַנדערע כבודים, וואָס ס'שטאַמט פונם חשק מקיים צו זיין דעם פסוק: כבד את ה' מהונך (אַכט גאָט מיט דיין פאַרמעגן). אויך דער מנהג צו געבן נדרים און נדבות עפנטלעך, צו פאַרבעטן צו זיך אויף אַ שמחה אורחים און מתפללים, וואַשן די כהנים פאַרן דוכענען, און באַזונדערס קו-

מען אין שול מיט די קליינע קינדער—דאָס אַלץ האָט תמיד גע-
בראַכן די אָרדענונג און שטילקייט אין שול.

מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די פרייקייט און היימיש-
קייט, וואָס די יידן האָבן זיך דערלויבט אין שול, איז געווען
נישט צוליב אַ גרינגשעצונג, נאָר צוליב אמתע תמימות און
גאָטספורכטיקייט. דערזעלביקער רב (אור זרוע), וואָס איז געווען
אַזוי צופרידן דערפון, וואָס מען פאַרקויפט די מצוות, האָט צו-
גלייך מתקן געווען די שטרייינגסטע תקנות בנוגע דער אַכטונג
פון מקום-קודש.

ערשט ביים סוף פון אַכצענטן יאָרהונדערט, אין דער איבער-
גאַנגס-עפּאָכע צווישן דער אַלטער און נייער צייט, האָבן יידן
אָנגעהויבן צו שפּירן אַ חלול-קודש אין דערדאָזיקער היימישקייט.
זיי האָבן שוין אייגנטלעך פאַרלאָרן די אמתע תמימות, יענע
תמימות, וואָס פילט גאָטס כבוד אויף יעדן שריט און טריט און
אין יעדן געגנשטאַנד.

דאָס שמועסן אין שול איז געווען אַ נויטווענדיקע זאַך, מחמת
דאָרט זיינען אָפּטמאָל פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און באַראַטונ-
גען. אָבער גלאַט שמועסן און דערציילן נייס האָט מען גע-
מעגט אין שולהויף און נישט אין שול. אַזויאַרום איז איינגע-
פירט געוואָרן אויך ביי פרומע צו שמועסן נאָכן דאַוונען וועגן
נייס און פּאָליטיק.

די פרויען זיינען אין שול געווען אָפּגעטיילט פון די מענער,
וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס אַ פועל-יוצא פון זייער אָפּגע-
זונדערטקייט אין דער געזעלשאַפט בכלל. ביזן דרייצענטן יאָר-
הונדערט האָט מען נישט שטאַרק מקפיד געווען דערויף, און
ס'איז אויך נישט אויפגעקלערט געוואָרן, צי די פרויען זיינען
געווען אָפּגעטיילט פון די מענער פאַר דער צייט פון תלמוד.
ערשט אין דרייצענטן יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן
פאַר זיי באַזונדערע צימערן ביי די שולן, אָדער זיי אָפּגעגעבן
אַ פּלאַץ אין עק שול, פאַרהאָנגען מיט אַ פאָרהאַנג. אין ווייבער-
שול זיינען געווען חזנטעס-פרויען, וואָס אייניקע פון זיי האָבן
זיך קונה שם געווען.

ביים דאַוונען אין שול האָבן אָנטייל גענומען יונגע קינדער, נאָך איידער זיי זיינען געוואָרן בר-מצוה. נאָך גאָר פאַרצייטנס האָט מען זיי דערלויבט צו לייענען הלל און הפטורה. אין פּופּצענטן יאָרהונדערט פלעגן יונגע קינדער דאַוונען אַ טייל פון די תפלות פאַרן עמוד, און אויך אַמאָל דרשנען פאַרן עולם. זיי האָבן דאָ אויך געשטיפט און בכלל געפילט זיך ווי אינדערהיים.

אין אַזיע זיינען די שולן ביזן ניינטן אָדער צענטן יאָרהונדערט געווען אַן אָרט אכסניה פאַר אורחים. דאָרט האָבן זיי גענעכטיקט און געגעסן און געטרונקען. דער מנהג פון קידוש איז אייגנטלעך אַ טייל פון דער שבתדיקער סעודה, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר פרעמדע אורחים אין שול גופא אָדער אין שולהויף.

די געמיינדע־איינריכטונג.

ביי די מיטלאַלטערלעכע יידן האָט נישט עקזיסטירט אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס זאָל האָבן אַן ענלעכקייט צום קריסטלעכן ערצבישאָפטום און ס'איז גאָרנישט געמאַלט געווען, אַז אַזוינס זאָל זיין. די רבנים האָבן קיינמאָל נישט פאַרמאָגט אַזאַ פּאָליטישע און הערשערישע מאַכט, ווי די ערצבישאָפן. אפילו די איינצלנע גאונים, וואָס זיינען געווען גרויסע תקיפים אין זייערע געמיינדעס, האָבן נישט געהאַט די מאַכט צו צווינגען אַנדערע יידישע כבוצים אָנצונעמען זייערע פאַראָרדנונגען. אויך אין די ענינים פון זייערע געמיינדעס גופא איז נאָך נישט קלאָר, צי זיי האָבן דאָרט געהאַט די אויבערהאַנט. בנוגע די אַלטע מנהגים האָבן די רבנים זייער זעלטן זיך דערלויבט זיי אָפּצושאַפן, און אָפטמאָל זיינען זיי אַרויסגעטרעטן פאַר דער דערהאַלטונג פון אַלטע מנהגים, הגם זיי האָבן געפילט, אַז דידאָזיקע מנהגים האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט.

די פאַרשידענע אָרטיקע מנהגים האָבן זיך אַזויאַרום פאַרמערט אָן אַ שיעור, און יעדע געמיינדע האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי אירע מנהגים. דערפון האָט, נאַטירלעך, שטאַרק געליטן די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון יידנטום. עס איז געווען אַ געמיש פון מנהגים. אָבער דערדאָזיקער מישמאַש און פירוד איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין ראַמען דורך רבנים, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן אויטאָריטעט, אַז זייערע החלטות און תקנות זיינען

אָנגענומען געוואָרן אין דער פּראַקטיק אין דער גאַנצער יידישער וועלט אין משך פון פיל דורות.
ס'זיינען אויך צייטנווייז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אספות פון רבנים, וואָס האָבן פעסטגעשטעלט פאַרשידענע מאָראַלישע מנהגים און גוטע מדות. אויף דיזעלבע אספות זיינען אויך באַהאַנדלט גע-וואָרן ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער באַציאונג פון דער רעגירונג צו די יידישע געמיינדעס, מחמת אין אַ צייט, וואָס יידן זיינען געדריקט און געפּייניקט געוואָרן פון דער מאַכט, האָט מען געמוזט זוכן שוץ וויי־קסטנס אין דער אייגהייט פון די קרעפטן.
פון XIII יאָרהונדערט אָן און ווייטער איז געוואָרן אַלץ וויי-ניקער די צאָל החלטות, וואָס זאָלן האָבן אַ פאַרפליכטנדיקע קראַפט פאַר פאַרשידענע ווייטע געמיינדעס און אין וועלכע ס'זאָל זיך אויסדריקן די אייגהייט פון דער יידישער אומה. די געמיינ-דעס האָבן זיך איצט פאַרנומען בלויז מיט זייערע אָרטיקע אינ-טערעסן. אין XVII יאָרהונדערט האָט אָפּילו עקזיסטירט דער באַ-וואוסטער „ועד אַרבע הארצות" מיט אַ געוויילטן פּרעזידענט און אַ בית-דין, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפּטן דיני-נפשות, אָבער אויך דידאָזיקע וויכטיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין לעבן פון פוילישן יידנטום, האָט נישט געהאַט צו שאַפן איבער די פּריוואַטע געמיינדע-ענינים, און יע-דע קהילה האָט געהאַלטן אייזן-שטאָל פאַר איר רב און איר בית-דין.
דער רב האָט געוועלטיקט אין זיין געמיינדע נישט צוליב זיין רבנות, נאָר צוליב זיין גרויסן נאָמען אַלס וואויללערנער און גאון. מען האָט אים אויך געקאָנט אָפּזאָגן פון זיין רבנות. ביזן סוף פון XIII יאָרהונדערט איז דער רב נישט געווען אַזוי אָפּ-הייניק פון זיין געמיינדע, מחמת ער האָט עפּטערס נישט גענו-מען קיין געהאַלט. אין דער באַשטימונג פון רב האָבן אויך מיט-געווירקט אויסערלעכע השפּעות און צולעצט איז נויטיק געווען דערצו די באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג. די ראשי-הגולה (עק-סילאַרכן) אין פּרס, און די „נגידים" אין מצרים האָבן באַקומען

פון דער רעגירונג אזא מאכט, וואס קיין אייראפייאישער רב האט נישט געהאט. אין פוילן זיינען די רבנים פאר זיגמונט דעם ערשטן (XV יארהונדערט) באשטעטיקט געווארן פון דער מאכט. אין א געוויסער הינזיכט איז ער געווען א מין רעגירונגס-באאמטער, מחמת ער האט אויפגעמאנט פאר איר דעם קאפשטייער און האט אויך געהאט דאס רעכט צו באשטראפן אין קרימינעלע ענינים.

נאפאלעאן דער ערשטער האט ארגאניזירט די ענינים פון פראנצויזישן יידנטום אויף אזא אופן, אז די פראנצויזישע רבנים זיינען ביז היינט רעגירונגסבאאמטע. אין מיטלאלטער אבער האבן די יידן נישט געוואלט, אז די רבנים זאלן איבער זיי הערשן אן זייער גוטן ווילן. דער רשב"ץ, למשל, איז געווילט געווארן מיטן בפירושן תנאי, אז ער זאל נישט פארלאנגען פון דער רע-גירונג, זי זאל באשטעטיקן זיינע החלטות.

די יידן האבן אומעטום געשטרעבט צו זעלבשטענדיקייט אין דער פירונג פון זייערע געמיינדע-ענינים. אבער זייער באציאונג צו דער רעגירונג האט מיטגעווירקט, אז די גבירים זאלן ווערן די גאנצע רעדלפירער אין דער קהלה.

אומעטום און אין אלע צייטן זיינען די יידישע געמיינדעס אין מיטלאלטער געלעגן אין די הענט פון די שטייערמאנער (מוכסים), וועלכע האבן אויסגעזויגן זייער מארך פון די ביינער. די אפ-צאלונגען זיינען איינגעטיילט געווארן אין דריי קאטעגאריעס: קאפ-שטייער, געמיינדע-שטייער און פערזענלעכע אפצאלן—א שטייער פאר באזונדערע פריווילעגיעס. די אלע אפצאלונגען זיינען, קענ-טיק, אויפגעמאנט געווארן פון דער געמיינדע מיטאמאל, און די ראשי-הקהל זיינען מחויב געווען זיי אויפצומאנען פון די יחידים, ביי יעדן לויט זיין שטאנד. כדי צו וויסן וויפיל צו נע-מען ביי יעדן איינעם, זיינען באשטימט געווארן אפשאצערס פון די געמיינדע-מיטגלידער, וועלכע האבן אפגעשאצט וויפיל יעדער איז אומשטאנד צו צאלן, און אין פאל פון א פאלשער אפשאצונג זיינען זיי שטריינג באשטראפט געווארן. אייניקע פון די רייכ-סטע יידן האבן דערביי געמוזט ערוב זיין פאר די ארויפגעלייגטע

שטייערן, וועלכע האָבן דערגרייכט געוואַלטיקע סומעס. אין איינג-לאַנד, למשל, האָבן יידן אַליין געמוזט צאָלן אַ צוועלפטל פון אַלע מלוכה-הכנסות. אין אַן אַנדער לאַנד, וואו זיי האָבן אויס-געמאַכט בלויז אַ צענטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, האָבן זיי געמוזט צאָלן אַ פערטל פון די אַלגעמיינע שטייערן.

אַ גרויסן טייל פון די אָפּצאָלונגען האָבן, נאַטירלעך, געמוזט צאָלן די רייכע לייט און צוליב דעם האָבן זיי באַקומען אַ גרויסע דעה אין די געמיינדע-ענינים, אַזוי אַז ביסלעכוויז האָט די געלט-אַריסטאָקראַטיע פאַרנומען דאָס אָרט פון דער תורה-אַריסטאָקראַ-טיע.

תחילת איז די געמיינדע געפירט געוואָרן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, און יעטוועדער פון די געמיינדע-מיטגלידער האָט געהאַט אַ ווערדע לויט זיינע גוטע מעשים און לומדישקייט, אָבער שפּע-טער האָבן באַקומען די דעה די גבירים, וועלכע האָבן אַריינגע-טראָגן דעם גרעסטן חלק אין די מלוכה־אָפּצאָלונגען. אין XIV יאָרהונדערט זיינען די געמיינדע-מיטגלידער איינגעטיילט געוואָרן אויף „רבנים, לומדים, (ישיבה-) בחורים און באַלעבאַטים״, צווישן וועלכע די באַלעבאַטים—נישט-לומדים פאַרנעמען דעם לעצטן פּלאַץ, אָבער אין יאָר 1769 געפינען מיר שוין גאָר אַן אַנדער איינטיילונג: די געמיינדע-מיטגלידער אין אַ ווי ניאָן, אַ שטייגער, זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין דריי קאַטעגאָריעס: אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ פאַרמעגן פון 30000 פונט, פון 15000 פונט און פון 5000 פונט, און ווער ס׳האָט פאַרמאָגט וויניקער, האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין אַמט אין דער געמיינדע.

די אָפּשאַצונג פון פאַרמעגן האָט עפטערס געבראַכט צו קריגע-רייען און אַרומרייסעניש צווישן די אָפּגעשאַצטע און אָפּשאַצערס. ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז דער אָפּגעשאַצטער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען האָט אים אָפּגעשאַצט צו וויניק און דער-מיט אים באַליידיקט. על-פּי-רוב אָבער האָט מען זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס מען האָט געשאַצט צופיל. די מעמוארן-ביכער פון מיטלאַלטער זיינען פול מיט טענות פון גאַנצע גרופּעס און

יחידים, וועלכע פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיי באַפרייען פון די אָפּצאָלונגען און זיי אַרויפלייגן אויף אַנדערע, וואָס קאָנען מער צאָלן ווי זיי.

פיל זיינען טאַקע באַפרייט געוואָרן פון די צאָלונגען: תורה-לערנער, דאָקטוירים, אַפּטייקערס, און אין אייניקע קהלות אויך די דרוקערס און זעצערס, וואָס זיינען „עוסק במלאכת הקדש". בעלי-מלאכה און אַרבעטער האָבן געצאָלט בלויז קאָפּ-שטייער.

אויסער די מלוכה-שטייערן זיינען געווען געמיינדע-שטייערן, וואָס די געמיינדע האָט אַרויפגעלייגט פאַר אירע באַדערפענישן אויף פלייש, ווין, הייזער, צירונג און אויף אַרויסגעפירטע און אַריינ-געפירטע סחורות.

די דאָזיקע שטייערן זיינען אויך עפּטערס אַריינגעפאַלן אין גויעשע הענט, וועלכע האָבן געכאַפּט און גענומען וויפיל זיי האָבן גע-קאָנט, פון מלך ביזן לעצטן שומר פון די געטאָ-טויערן, פונם ערצבישאָף, בישאָף ביזן לעצטן גלח. אַלע האָבן ביי יעדער גע-לעגנהייט אַריינגעשטעקט די הענט אין דער קהלשער קאַסע און זי אויסגעליידיקט. די יידן אין רוים, למשל, האָבן געמוזט אויס-האַלטן פון די קהלשע שטייערן אַ קאַטוילישן סעמינאַר. יידן האָבן געמוזט געבן געלט אויף די הוצאות פונם מיליטער און פלאָט.

אין פּאָרטוגאַל פאַר סאַנכא דעם צווייטן האָבן יידן געמוזט געבן אַנקערס און שטריק פאַר יעדער נייער שיף, וואָס איז אויס-געבויט געוואָרן פון דער מלוכה. יידן האָבן געמוזט געבן צו-שטייער געלט און אַרבעט פאַר קאָלומבוסעס עקספּעדיציע. כדי אויסצופרעסן געלט פון יידן, האָט מען אַריינגעשטעלט סאָלדאַטן אין זייערע הייזער. אין רוים האָבן יידן געמוזט איינאָרדנען אויף זייערע קאָסטן די פאָלקס-פאַרווייլונגען און אין שפּאַניע האָבן זיי געמוזט דעקן אַ טייל פון די הוצאות פונם קעניגלעכן מיטאָג.

די פאַרשידענע חיובים און אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען אַרויפגע-לייגט געוואָרן אויף יידן, זיינען אַזוי פיל, אַז ס'איז אוממעגלעך

זיי אַלע אויסצורעכענען. פאַר יעדער טאָט און יעדער געשעעניש אין זייער לעבן האָבן זיי געמוזט צאָלן: פאַר אַריינקומען און אַרויסגיין פון שטאָט, פאַר דורכפאָרן טויערן און בריקן, פאַר אַריבערפאָרן די גרענעצן פון די ריינישע מדינות, פאַר קויפן און פאַרקויפן, פאַר חתונות און לויות און אַפילו פאַרן קבר איז געשטאַנען דער גובה פון מוכס און נישט געלאָזט מקבר זיין דעם מת, ביז מען האָט אים נישט אָפּגעצאָלט אַ שטייער פון צוויי פלאָרין. אין גראַנאַדע (שפּאַניע) האָבן יידן געצאָלט אין יאָר 1440 אַ „פרעמדן אָפּצאָל", הגם זיי האָבן געלעבט דאָרט אַ סך פריער ווי יענע, וואָס דאָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט דעם שטייער. פון אַלע לענדער האָט דייטשלאַנד באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט דער גרויסער צאָל שטייערן אויף יידן און דער קאָפּשטייער האָט דאָרט לייגגער געהאַלטן ווי אומעטום, ביזן יאָר 1803.

די יידישע געמיינדעס זיינען אָבער געווען פריי און זעלבשטענדיק אין זייערע אינערלעכע ענינים. פון אייביק אָן האָבן די יידן אויף זיך גענומען נישט צו ווענדן זיך אין די רעגירונגסגעריכטן, בעת זיי האָבן געהאַט משפטים צווישן זיך, און די געמיינדעס האָבן געהאַט דאָס רעכט צו משפטן נישט בלויז שטראָף-משפטים (דיני קנסות), נאָר אויך דיני נפשות, און דאָסדאָזיקע רעכט האָבן זיי אויסגענוצט באַזונדערס בנוגע מוסרים, וועלכע מען האָט באַהאַנדלט אָן רחמנות און פאַרמשפּט צום טויט.

די געמיינדעס זיינען, קענטיק, געווען געצוואונגען צו באַגיין זיך אַזוי האַרב מיט די מוסרים, ווייל די מסירות האָבן זיי אָנגעטאָן גרויסע צרות און זיינען עפּטער געווען די סיבה פון נגישות און אַלגעמיינע גרושים.

דער פּסק-דין איז אויסגעפירט געוואָרן עפנטלעך מיט דער דערלויבניש פון דער רעגירונג. אין שפּאַניע פלעגט די רעגירונג באַשטעטיקן דעם אורטייל פונם יידישן בית-דין און לאָזן אים אויספירן דורך אירע באַאַמטע.

דאָס רוב באַאַמטע האָבן געהאַט זייערע אייגענע תפיסות, אָדער

באַזונדערע חדרים אין די אַלגעמיינע תפיסות, אין דער באַסטיליע אין פּאַריז האָבן די יידישע אַרעסטאַנטן פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן זייער יידישקייט, און אין די פּראָווינציאַלישע תפיסות האָט מען די יידישע אַרעסטאַנטן גע-געבן כשר עסן. בעת ר׳ מאיר פון רוטענבורג איז גע-זעסן אין פעסטונג ענזיסהיים, אין עלזאַס (1286) האָט ער באַקומען דאָס רעכט צו לערנען דאָרט מיט זיינע תלמידים און צו דערפילן אַלע פונקציעס פון אַ יידישן רב.

אויסער די געלט-און קערפּערלעכע שטראָפן איז די הויפּטשטראָף ביי די מיטלאַלטערלעכע יידן באַשטאַנען אינם שרעקלעכן „חרם". דער באַשטראָפטער מוחרם איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, און קיין שום ייד האָט נישט גע-טאָרט האָבן מיט אים אַ מגע-ומשא. נאָך שרעקלעכער ווי די שטראָף גופא זיינען געווען די גרויסע הכנות צום חרם. דאָס אָנצונדן ליכט, שופר-בלאָזן, עפנטלעך אויסרופן דעם חרם, זיצן אויף דער ערד, רייסן קריעה און ד. גל.—דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געוואָרפן אַן אימה אויפן יידישן עולם, אַזוי אַז דער חרם אין מיטלאַלטער איז געוואָרן אַ שאַרף געווער אין די הענט פון די ראשי-הקהל. אויב דער מוחרם האָט זיך אונטערגעגעבן און תשובה געטאָן, איז ער באַפרייט געוואָרן פון חרם.

דער פּחד פאַרן חרם האָט אויך מיטגעווירקט, אַז פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע תקנות, וואָס די געמיינדעס האָבן גענומען אויף זיך „בחרם", זאָלן שטרייג אָפּגעהיט ווערן.

די דעמאָקראַטישע פאָרם פון יידישן געמיינדע-לעבן אין מיטל-אַלטער האָט זיך אַרויסגעוויזן באַזונדערס אין דער וואַלסיסטעם פון די ראשי-הקהל. די וואַלן זיינען געמאַכט געוואָרן על-פּי-גורל, אָדער דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, און די געוויילטע ראשי-הקהל זיינען געווען דער „פּרנס", דער „גבאי" (קאַסירער) און די „טובי-העיר", ד. ה. די מיטגלידער פון קאָמיטעט, וואָס זייער צאָל איז על-פּי-רוב באַשטאַנען פון זיבן (שבעה טובי העיר) און אויך דער רב און צוויי דינים.

פון XIII יאָרהונדערט האָבן דער רב און די דינים אָנגעהויבן צו נעמען אַ באַשטימטן געהאַלט. וואָס די ראשי-הקהל און בית-דין האָבן גוזר געווען, האָט די געמיינדע געמוזט מקיים זיין. בלויז אויף אַרויסצוגעבן אַ חרם האָט מען געדאַרפט האָבן די הסכמה פון רוב געמיינדע-מיטגלידער. צו די געצאָלטע געמיינדע-באַאַמטע האָבן געהערט אויך דער שוחט, חזן, מלמד און דער מעלטיקסטער באַאַמטער פון אַלע—דער שמש.

די פונקציעס פון שמש זיינען געווען פאַרשידנאַרטיק. ער האָט אַפילו געקאָנט אַריינוואַרפן אַן אויג אין די פריוואַטע געשעפטן פון יעדן געמיינדע-מיטגליד און אָנשטאָט צו זיין דער דינער, דער שמש פון דער געמיינדע, איז ער געווען איר האַר. דער שמש איז געווען דער אויפזעער אין שול און דער אויספירער פון איר פסק בית-דין צו שלאָגן מלקות. ער האָט פאַרבעטן די געסט אויף אַ שמחה ביי די שטאָט-באַלעבאַטים, ער האָט אויסגערופן אין שול פאַרשידענע מעלדונגען און תקנות, און אַלע טאָג אינדערפרי און ערב-שבת פאַרנאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן שטאָט און געקלאַפט אין שול אַריין.

דאָס געמיינדע-לעבן איז אין יענע צייטן גערעגלט געוואָרן לויט פאַרשידענע „תקנות". כדי אַרויסצוגעבן אַ תקנה, האָט מען קודם-כל געמוזט האָבן די הסכמה פון רב. דערנאָך האָבן די ראשי-הקהל זי באַטראַכט און געלאָזט אויסרופן אין שול אין אַ וואָכן-טאָג. אויב ס'האָט זיך נישט געפונען, ווער ס'זאָל תיכף פראָטעסטירן קעגן דער תקנה, איז זי אַריין אין קראַפט, און ווער ס'האָט עובר געווען אויף איר, איז באַשטראָפט געוואָרן. על-פי-רוב זיינען די תקנות איינגעפירט געוואָרן אויף אַ באַשטימטן טערמין. און ווען דער טערמין איז אַריבער, האָבן זיי פאַרלאָרן זייער קראַפט, סיידן זיי זיינען ווידער באַנייט געוואָרן.

דידאָזיקע תקנות האָבן אַרומגעכאַפט דאָס גאַנצע יידישע לעבן: אַמאָל האָט מען גוזר געווען אויף זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מאַן און ווייב, און אַמאָל האָט מען געאַסרט צו רופן עמיצן אין גוייִשן געריכט. אַמאָל האָט מען באַשטימט דעם אָפּצאָל פון פלייש, און אַמאָל האָט מען געאַסרט צו פאַרקויפן וויין מוסול-

מענער. איין תקנה האָט באַשרענקט די צאָל קליידער און צירונג, וואָס אַ יידישע פרוי מעג אָנטאָן און די צאָל געסט, וואָס אַ בעל-שמחה מעג פאַרבעטן צו זיך, און אַן אַנדערע האָט באַשלאָסן, ווען דער שמש זאָל אָנהויבן קלאַפּן אין שול. שטרייַנגע תקנות זייַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן מען זאָל נישט צורייַדן גוים, זיי זאָלן זיך מגייר זיין, און דערבייַ איז מען פאַרגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אויסגעגעבן די-יעניקע קריסטן, בייַ וועלכע מען האָט באַמערקט אַ נייגונג צו יידישקייט.

איין תקנה אין סיציליע האָט געאַסרט צו פעלשן וויין, אויפצושרויפן די פרייזן פון לעבנסמיטלען און צו גיין איבער די הייזער. אַן אַנדערע תקנה, ווידער, האָט גוזר געווען אונטער דער דראָאונג פון אַ חרם, אַז מען זאָל נאָכן נאָמען פון אַ לעבעדיקן מענטשן שרייַבן דאָס וואָרט הי״ו (ה׳ ישמרהו ויחיהו). מען האָט אויך מתקן געווען נישט צו זינגען קיין לידער אין אַ תענית, אַז קיין שום מענטש, אויסער דעם געמיינדע-רב, טאָר נישט האַלטן קיין דרשה שבת-נחמו און שבת-חנוכה, אַז מען טאָר נישט מאַכן פאַר אַ רב דעמיעניקן, וואָס האָט קרובים אין דער געמיינדע, און פיל אַנדערע. אַזוי האָבן די תקנות אין די ענינים פון געזעלשאַפטלעכער זיטלעכקייט זיך פאַרמערט און פאַרברייטערט און דאָס גערעכטיקייטס-געפיל, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אַלעמאָל מער בייַ יידן, האָט מיטגעווירקט, אַז די תקנות זאָלן האָבן אַ קיום אויף לאַנגע צייטן.

די גרינדונג פונם געטאָ.

נאָך אַ לאַנגע צייט, איידער די יידן זיינען געצוואונגען געווען צו וואוינען אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן צוזאַמען אין אַ געוויסער גאַסן אין די אַלע שטעט, וואו זיי האָבן געוואוינט.
שוין אין 13-טן יאָרהונדערט ווערן אַזעלכע יידישע קוואַרטאַלן דערמאָנט אין די כראָניקעס פון יענער צייט, הגם די עפּאָכע פונם געטאָ הייבט זיך אָן ערשט אין 16-טן יאָרהונדערט.

מחמת די יידן זיינען נישט געווען גענויט דערצו, נאָר געטאָן עס פון אייגענעם ווילן, האָבן מאַנכע פון זיי זיך באַזעצט אויך אויסער די אָפּגעשיידטע קוואַרטאַלן. ווי גרויס ס׳איז דער אונטערשיד פון אַ געצוואונגענער אָפּזונדערונג און אַ געראָנוויליקער אָפּזונדערונג, קאָן מען זען אין דער גרינדונג פונם געטאָ אין רוים און אין שפּאַניען.
איידער דער פּויפּסט פּויל דער פערטער האָט אויפגעשטעלט דאָס שוואַרצע טריבע געטאָ אין רוים, האָבן זייער ווייניק יידן געוואוינט אויסער דעם יידישן קוואַרטאַל אויפן לינקן ברעג פון טיבער. דאַגעגן האָבן פיל קריסטן פון אַדלשטאַנד געוואוינט אין רעכטן מיט פון יידישן קוואַרטאַל. שיינע פּאַלאַצן און קירכעס זיינען געשטאַנען גאָר נאָנט פון די שולן, און די קריסטן האָבן געלעבט בשלום מיט זייערע יידישע שכנים. קוים איז אָבער אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס געטאָ, האָבן די קריסטן גענומען איבערטראָגן פון

דאָרט זייערע קירכעס אָדער זיי אַרומגעצוימט מיט הויכע מויערן, אַז יידן זאָלן זיי נישט מטמא זיין. דאָס אייגענע איז אויך פאָרגעקומען אין שפּאַניע. שוין אין עלפטן יאָרהונדערט ווערט דערמאָנט די „יידישע אָפּצוימונג״ אין טאָלעדאָ; אין סעווילאַ, ווידער, האָט קעניג פערדינאַנד אין יאָר 1248 אָפּגעטיילט פאַר די יידן דריי גאַסן און זיי געלאָזן אַרומצוימען מיט אַ מויער, בכדי די יידן זאָלן זיין געזיכערט פון אַן אָנפאַל.

אין שפּאַניע איז דאָס געטאָ תחילת געווען אַ מין פּריווילעגיע און שוץ פאַר יידן, און בעת די רעגירונג האָט עס געוואָלט אָפּשאַפן, האָבן די יידן פּראָטעסטירט קעגן דעם און נישט געוואָלט נאָכגעבן זייער פּריווילעגיע.

ערשט אין די דעקרעטן פון וואַלאַדאָליד (1412) זעט מען שוין אַ מין גזרה אויף יידן צו וואוינען דווקא אין באַזונדערע קוואַרטאַלן. ס'איז אָבער קלאָר, אַז ביז ס'איז געגרינדעט געוואָרן די אינקוויזיציע, איז אין שפּאַניע נישט געווען קיין יידישע געטאָס מיט אַלע פּיטשעווקעס, מחמת דער פּונקט 47 פון די רעזאָלוציעס פון טאָלעדאָר געריכט (1480) באַווייזט, אַז דער קירך האָט זיך ביז דעמאָלט נישט איינגעגעבן אָפּצעשיידן פאָלקאָם די יידן פון די קריסטן. דער פּונקט קלינגט אַזוי: „מחמת דער באַשטענדיקער פאַרקער צווישן יידן און קריסטן איז אַ גרויסע שאַנד, באַפעלן מיר דעריבער, אַז די יידן אין גאַנצן לאַנד זאָלן האָבן זייערע אייגענע קוואַרטאַלן און נישט וואוינען צווישן קריסטן, און נישט אונטער איין דאַך״. דאָ ווייזט זיך שוין אַרויס קלאָר די כוונה צו פאַרווונדערן די יידן פון די קריסטן, און די גאַנצע אכזריות, וואָס שטעקט אין דער אַנטשטייונג פונם געטאָ.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז אין אַ געוויסער הינזיכט איז דאָס געטאָ געווען אַ טובה פאַר יידן, ווייל עס האָט נישט דערלאָזן דעם המון אַריינצודרינגען אין די יידישע הייזער און מאַכן אַ שחיטה אויף יידן. פון דער אַנדער זייט אָבער, איז עס געווען פאַר זיי אַן אומגליק, מחמת בעת דער המון איז אויפגערייצט געוואָרן קעגן יידן, האָט ער שוין געוואוסט וואוהין צו גיין און האָט געקאָנט מאַכן אַ תל פון אַלע יידן מיטאַמאָל.

צוליב דעם, וואָס דאָס געטאָ האָט מער אָדער ווייניקער אָפּגע-טיילט די יידן פון זייערע נישט-יידישע שכנים (מאַנכע יידן איז דערלויבט געווען צו וואוינען אויסער דער געטאָ), האָט עס מיטגעווירקט דערצו אַז אינעווייניק, אין געטאָ, זאָל ווערן אַ שרעקלאַכע איינגשאַפּט. די צאָל יידן, וואָס זיינען געווען איינ-געשלאָסן אין געטאָ ווי בהמות אין אַ שטאַל, האָט זיך פאַרמערט צוליבן נאַטירלעכן צווואוקס, בעת דאָס געטאָ גופא איז נישט געוואָרן אויף אַ האָר גרעסער. בלויז אין זעלטענע פאַלן איז יידן דערלויבט געוואָרן צו פאַרברייטערן דאָס געטאָ.

דער פועל-יוצא דערפון איז געווען, אַז דאָס געטאָ איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן פאַרשמוציקט און פאַרעפּושט. טיילמאָל איז דאָס געטאָ געווען דער איינגסטער קוואַרטאַל אין שטאָט און איז טאַקע צוליב דעם אָנגערופן געוואָרן „די איינגע גאַס". טיילמאָל זיינען טויזנטער נפשות געווען איינגעשפּאַרט אין הונדערט הייז-לעך, און די גאַס איז געווען אַזוי שמאָל, אַז אַ וואָגן האָט נישט געקאָנט דורכפאָרן, און דאָ האָט מען אַריינגעזעצט אויף די שאַנדהייזער, כדי צו פאַראומרייניקן דעם יידישן קוואַרטאַל אויך מאָראַליש. דאָס האָט, נאַטירלעך, געמוזט ווירקן אויפן המון, אָבער דידאָזיקע ווירקונג איז געווען בלויז אַן אויסערלע-כע, און האָט נישט געפירט צו מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט און אויסגעלאַסנקייט.

די יידישע פאַמיליענריינקייט האָט געווירקט ווי אַ קעגנגיפט קעגן דערדאָזיקער מכה.

אין רוים, למשל, זיינען צענטויזנט נפשות געווען פאַרשפּאַרט אויף אַ שטח נישט גרעסער ווי איין קוואַדראַט-קילאָמעטער, און אין די אָרעמע גאַסן פון רוימישן געטאָ האָבן געוואוינט צו עטלעכע פאַמיליעס אין איין צימערל. די איינוואוינער האָבן גע-האַט נאָך אַ צרה, וואָס יעדעס יאָר, פרילינגצייט, האָט דער טיבער פאַרפלייצט דאָס געטאָ און האָט פאַרוואַנדלט די גאַסן אין אַ שרעקלעכן זומפּ.

די וואוינהייזער אין געטאָ האָבן מערסטענס געהערט צו קריסטן, וועלכע האָבן אויפגעשרויפט דאָס דירה-געלט ביזן העכסטן גראַד

און זייער תשוקה צו געלט וואָלט געוויס נישט געהאַט קיין גרענעץ, ווען נישט דאָס „חזקה"-געזעץ, וואָס האָט באַקומען דעמאָלט אַ שטאַרקע אַנטוויקלונג און האָט געאַסרט יידן צו דינגען אַ דירה אין אַ קריסטלעך הויז, וואו ס'האָט געוואוינט אַן אַנדער ייד, סיידן מיט זיין הסכמה אָדער ערשט נאָך אַ יאָר ווי יענער האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דער דירה.

די דעלעגאַטן פון די איטאַליענישע יידישע געמיינדעס, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פעראַראַ, האָבן מתקן געווען, אַז אפילו אויב אַ קריסט פאַרקויפט אַן אַנדערן זיין הויז, וואו אַ ייד האָט זיך באַזעצט, פאַרלירט דער ייד נישט זיין חזקה-רעכט, און קיינער טאָר נישט אויסדינגען זיין דירה.

די דאָזיקע פאַרצייטיקע תקנה, וועלכע האָט געפאָדערט צו אַכטן אַלטע זכיות, וואָס האָבן אפילו נישט קיין יסוד אין די לאַנדגעזעצן און וועלכע שטאַמען פון גאָר אַלטע צייטן, נאָך איידער די געטאָס האָבן עקזיסטירט, איז געבליבן אין קראַפט אויך שפעטער, נאָכדעם ווי די געטאָס זיינען אָפגעשאַפט געוואָרן.

דאָס חזקה-רעכט איז איבערגעגאַנגען בירושה פון עלטערן צו קינדער, איז אויך פאַרקויפט געוואָרן פאַר געלט און אָנגעגעבן געוואָרן די קינדער אַלס נדן. דער פויפסט קלעמענס VIII, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט דאָס דירה-געלט פון די געטאָהייזער, האָט אויך באַשטעטיקט דאָס חזקה-רעכט און איינגעפירט אַלס געזעץ, אַז כל-זמן דער יידישער לאָקאַטאָר צאָלט פינקטלעך דירה-געלט, טאָר אים דער הויזווירט נישט אַרויסוואַרפן. די דאָזיקע פויפסטלעכע באַשטעטיקונג האָט יידן אָבער טייער געקאָסט, מחמת איינער פון די נאָכפאָלגערס פון קלעמענס VIII האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז די געמיינדע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן דירה-געלט פון אַלע געטאָ-הייזער, סיי די באַזעצטע, סיי די ליידיקע.

די ראשי-הקהל האָבן געוויינלעך געזאָרגט פאַר אַלע צרכי-צבור פון די געטאָ-איינוואוינער. פיל געמיינדעס האָבן געהאַט אַ קהלשן אויוון פאַר טשאָלנט-שטעלן אַלע שבת און מצות-באַקן איינמאָל

אין יאָר. די געמיינדע האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסן קופּערנעם קעסל צו קאָכן אין אים אויף חתונות. יעדע געמיינדע האָט גע־האַט צוויי מינים בעדער: אַ כשרע מקוה און אַ געוויינלעכע באָד. אַ מקוה האָט נישט געטאָרט פעלן אין קיין שום יידישער געמיינדע, און זינט די רעגירונג האָט פאַרווערט יידן צו באָדן זיך אין די טייכן און בעדער, וואו ס׳האָבן זיך געבאָדן קריסטן, האָבן די געמיינדעס געמוזט אויך זאָרגן פאַר אַ באָד. איבערן קהלשן אויוון אָדער נעבן אים האָט זיך געפונען אַ „קהלשער זאַל", וואו מען האָט געמאַכט חתונה־מאָלצייטן און געטאַנצט חתונה־טענץ.

טענץ זיינען געווען זייער אַ באַליבטע פאַרווייליונג ביי יידן. די חתונות האָבן געוויינלעך זיך געצויגן אַ גאַנצע וואָך, און חתונות זיינען פאָרגעקומען עפטערס, אַזוי אַז אין די טאַנצהייזער איז געווען תמיד פריילעך־לעבעדיק פון די טענצערס. אַזעלכע טאַנצ־הייזער האָט מען איינגעפירט כמעט אין אַלע געטאָס, און מען האָט אין זיי געטאַנצט אויך שבת און יום־טוב. בלויז אין שפּאַ־ניע און אין די מזרח־לענדער זיינען נישט געווען קיין קהלשע טאַנצהייזער, מחמת די פריוואַטע וואוינונגען זיינען געווען גענוג גרויס און גערוים צום טאַנצן.
די יידן אין מיטלאַלטער האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטע אַנשטאַלט צו שיקן בריוו אין וויטע ערטער און פלעגן זיך באַ־נוצן דערצו מיט רייזנדער און סוחרים. אַזויאַרום האָט מען גע־שיקט בריף אין וויטע לענדער, און די נייסן האָבן זיך פאַר־שפּרייט געשווינט אין לאַנד. טיילמאָל האָט מען, אין נויטיקע פאַלן, געשיקט בריוו דורך אַ שליח מיוחד אָדער זיך באַנוצט מיט קריסטן און מוסולמענער, וואָס זיינען עולה־רגל געווען אין די הייליקע ערטער. אַז ס׳זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן די גע־טאָס, האָבן די יידן געהאַט אַ באַזונדערן שליח איבערצופירן זייער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט געהייסן „שוץ־יודע". די מיט־לען וויאַזוי איבערצושיקן בריוו, זיינען געווען אַזוי גוט איינגע־אָרדנט, אַז אָפטמאָל איז די רעגירונג פריער אינפאָרמירט געוואָרן דורך יידן וועגן פאַרשידענע וויכטיקע וועלט־נייסן. דער יידישער

שליח האָט נישט געטאָרט לייענען די בריוו, וואָס מען האָט אים אָנגעטרויט, און על-פּי-רוב האָט זיך אויף די בריוו געפונען די באַקאַנטע אויפשריפט „בחדר״ג״ (בחרם דרבנו גרשם).

אין עק געטאָ, וויי׳ניקסטנס פופציק טריט אָפּגערוקט פון די הייזער, האָט זיך געפונען דער „בית-החיים״, „בית-עלמין״, וועלכער איז געווען פאַרפלאַנצט מיט ביימער. ביז הײנטיקן דעם צווייטן האָבן די יידן אין גאַנץ ענגלאַנד געהאַט נישט מער ווי איין בית-עלמין אין לאָנדאָן, און אַלע האָבן געמוזט פירן אַהין זייערע מתים. אויך אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער האָבן יידן נישט געהאַט דאָס רעכט צו קויפן ערד אויף אַ בית-הקברות נאָענט פון אַ שטאָט. די איינוואוינער פון האַמבורג האָבן דעריבער געמוזט פירן זייערע מתים קיין אַלטאָנאַ און די איינוואוינער פון אַמסטערדאַם—קיין אודיקירק.

דאָס רוב יידישע בית-עלמינס זיינען געווען אַרומגעצוימט מיט אַ מויער, מחמת אין מיטלאַלטער פלעגט זייער אָפט פאָרקומען, אַז קריסטן האָבן בכיון צעטרעטן די יידישע קברים און צובראָכן אָדער צוגנבעט די מצבות. די רעגירונג אַליין פלעגט טיילמאָל קאָנפיסקירן די יידישע מצבות און זיי פאַרוואַנדלט אַלס בוי-מאַטעריאַל. אויך די מוסולמענער אין מצרים, אין סוף פון פופצעטן יאָרהונדערט, פלעגן אַוועקגנבענען די יידישע מצבות, אָפּרייבן די אויפשריפטן און פאַרקויפן די יידן צוריק אויף מצבות, און כדי צו מאַכן אַ סוף פון אַזאַ שענדלעכן מסחר, האָט דער רב געאַסרט צו קויפן שטיינער אויף מצבות, סיידן אַזעלכע, וואָס מען דערקענט, אַז זיי זיינען פריש אויסגעהאַקט געוואָרן.

גאָר פאַרצייטנס פלעגן די יידן, נאָכטוענדיק, קענטיק, די רוימער, נישט אויסקריצן קיין יידישע אותיות אויף די מצבות. אין די יידישע קאַטאַקאָמבעס (אונטערערדישע הייל) אין רוים זיינען פאַראַן בלויז רוימישע אָדער גריכישע אויפשריפטן און נישט קיין יידישע. חוץ די אויפשריפטן זיינען די מצבות פאַרזען מיט פאַרשידענע פאַרצירונגען און סימבאָלן: די זיבן-רעריקע מנורה, אַ פאַלמען-צווייג, אַ קריגל בוימייל און אַ שופר, אָדער גאָר גאַנצע בילדער.

אויף די מצבות פון די דייטשע יידן אין סוף פון מיטלאַלטער זיינען אויך געווען אויסגעקריצט בילדער, אָבער נישט קיין סימבאָלן און רמזים, נאָר פשוט אילוסטראַציעס פון לעבן. אין פּראָג איז אויף אַ קבר פון אַ שניידער געווען אויסגעקריצט אַ שער, אויף אַ קבר פון אַ כלי-זמר—אַ פידל, אויף אַ קבר פון אַ גאָלדשמיד—אַ קרוין און צוויי קייטעלעך, אויף אַ קבר פון אַ רופא—אַ לייב מיט אַ שווערד און אויף אַ קבר פון אַן אַפּטייקער—אַ מערזער. אויפן קבר פון אַ כהן פלעגט מען אויסקריצן אַ פּאָר הענט, אויסגעשפּרייט ווי בשעתן דוכנען, און אויף די קברים פון לוויים—אַ קריגל וואַסער.

כדי אָפּצוהיטן די בית-עלמינס, האָט מען געדונגען אַ שומר אויפן חשבון פון קהל. נעבן בית-הקברות האָט זיך געפונען אַ קליין שולכל.

די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל.

אַלע, וואָס זיינען מער אָדער ווייניקער באַקענט מיטן יידישן פאַמיליען-לעבן, וואונדערן זיך, וואָס יידן האָבן עד-היום ליב צו פאַרברייגען די פרייע צייט אינדערהיים מער ווי אַנדערע אומות. די דאָזיקע געוויינהייט שטאַמט נאָך פון מיטלאַלטער, און לאָזט זיך לייכט דערקלערן. דער יידישער גלויבן מיט זיינע הונדערטער דינים און מצוות פאָדערט, אַז יעדער ייד זאָל אַריינגיין אין אַלע פרטים פון הויזלעכן לעבן. און מחמת דער מאַנספערשוין איז געניטער אין די דינים פון כשרות, הכנות צו שבת און צו פסח און דעסגלייכן, האָט ער געמוזט אַליין אַכטונג געבן אין שטוב, אַז אַלצדינג זאָל געטאָן ווערן לויטן דין. דערפון שטאַמט זיין זיצן אינדערהיים און זיין מישן זיך אין די הויזלעכע ענינים. דער ייד פלעגט זיך באַטייליקן אין קיך און אין מאַרק, באַזונדערס ערב-שבת. אַ צעפרידענער פלעגט ער לויפן אין מאַרק איינקויפן פלייש, פיש און גריננוואַרג לכבוד שבת און געווען דערביי אַ גרויסער מבין אויף די אַלע אַרטיקלען, אַזוי אַז מען האָט אים נישט געקאָנט אָפנאַרן, ווי די היינטיקע יידן-באַלעבאַטים.

ערב-שבת האָט ער געהאָלפן דעם ווייב קאָכן פיש און גרייטן דעם טיש צו קבלת שבת. אמת, נישט אַלעמאָל איז געווען אַ מעלה דאָס מישן זיך אין דער ווירטשאַפט. אַמאָל האָט עס אויפגערעגט די באַלעבאָסטע. אָבער זיין מישן זיך איז געוואָרן אַן אומפאַרמיידלעכער מנהג און מען האָט זיך צוגעוויינט דערצו.

אַזוי אַרום האָט דער מאַן ליב באַקומען די שטוב, און מעגלעך, אַז אַ גרויסער טייל פון יידישער מסירת-נפש פאַר דער פאַמיליע דאַרף צוגעשריבן ווערן דעם אומשטאַנד, וואָס דער ייד האָט זיך אַריינגעמישט אין דער באַלעבאַטישקייט.

אויסערדעם, איז די יידישע שטוב געווען דער אָרט, וואו ס׳זיינען דערפילט געוואָרן אייניקע פון די רירנדיקסטע גלויבנס-צערעמאָניעס, און אויך דער פונקט, וואוהין עס זיינען נישט אַריינגעדרונגען די אַלע דערנידערונגען, אונטערדריקונגען, פון וועלכע דער ייד האָט אַזויפיל געליטן אין מיטלאַלטער. ביי זיך אין שטוב האָט דער אַמאָליקער ייד אָפּגערוט סיי מיטן גוף און סיי מיט דער נשמה.

די ליבשאַפט צו דער היים קאָן דינען פאַר דעם בעסטן באַווייז, אַז די יידן אין מיטלאַלטער זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכער מאָראַלישער מדרגה. איז דען מעגלעך, אַז אַ געטרייער מאַן און איבערגעגעבענער פאָטער, וואָס איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר זיין הויזגעזינט, זאָל זיין אַ מאָראַלישע פאַרקריפּלונג, ווי עס פאַרזיכערן מאַנכע מאָדערנע „היסטאָריקער". פאַרקערט, אין דער צייט פון מיטלאַלטער גופא האָט מען גאָרנישט געהאַט אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן יידן. די נישט-יידן בכלל האָבן זיך געחברט מיט יידן, און די קירך האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי זיי אָפּצושמדן און אַריינעמען זיי, אַזוי צו זאָגן, אין איר שויס.

ערשט שפּעטער, ווען נישט-געקוקט אויף אַלע רדיפות און פּיינונגען, זיינען די יידן געבליבן געטריי זייער גלויבן, און די נישט-יידן האָבן געדאַרפט ווי-ס׳איז פאַרענטפערן זייער אַכזריות פאַר זייער אייגענעם געוויסן, איז געענדערט געוואָרן די גוטע מיינונג וועגן יידן, און דידאָזיקע מיינונג האָט זיך אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין משך פון 15-טן, 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט—די עפּאָכעס פון דעם גרעסטן און ווילדסטן פאַנאַטיזם—אַז די שפּעטערדיקע ליכטיקערע צייטן זיינען שוין נישט געווען בכוח אויסצובעסערן דידאָזיקע מיינונג. אַז די טיפע שנאה צו יידן איז געווען באמת אַן אומזיסטע, באַווייזט דער פאַקט, אַז אין אַלע כראָניקעס פון מיטלאַלטער געפינען מיר נישט קיין שווערע באַ-

שולדיקונגען קעגן יידן. אויך אין דעקרעט פון פערדינאנד און איזאבעלע וועגן אַרויסטרייבן די יידן פון שפּאַניען אין יאָר 1492 ווערט אָנגעגעבן אַלס איינציקע סיבה פון גירוש דאָס, וואָס די יידן האָבן געוואָלט אומקערן צו זיך זייערע געשמדטע ברידער. עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז די יידן זיינען געווען ווייט פון יענע שווערע בלוטיקע פאַרברעכנס, וועלכע די אַרומיקע נישט-יידן זיינען אַזוי אָפט באַגאַנגען.

די באַציאונגען צווישן מאַן און ווייב קאָן, בלי שום ספק, דינען אַלס מאַסשטאַב פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל אין אַ געוויסער עפּאָכע. אויף דעם געביט זיינען די יידן געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. די נביאים פאַרגלייכן די באַציאונג צווישן מאַן און ווייב צו דער באַציאונג צווישן גאָט און זיין וועלט, און די בעלי-קבלה פון מיטלאַלטער פאַרגלייכן די ליבע פון מענטש צו זיין באַשעפער צו דער ליבע פון אַ מאַן צו זיין ווייב.

אמת, די ווערק פון די יידישע מיטלאַלטערלעכע דיכטער זיינען על-פּי-רוב אָנגעזאַפּט מיט אַ שאַרפער סאַטירע קעגן דער לייכטזיניקייט און פאַרראַט פון די פרויען, אָבער דידאָזיקע סאַטירע איז על-פּי-רוב נישט מער ווי אַן נאָכאַמונג פון די אַראַבישע און אַנדערע אָריענטאַלישע פּאָעטן.

אַזוי גוט ווי די פרוי האָט געדאַרפט זיין געטריי דעם מאַן, איז דער מאַן געווען מחויב צו זיין געטריי דער פרוי, זי ליב צו האָבן און זי צו שעצן. וועגן ליבע פאַר דער חתונה האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, אָבער דאָך האָט דאָס פאָר קיינמאָל נישט פאַרראַטן אייגאַנדער נאָך דער חתונה. דער מאַן האָט זיך תמיד אָפּגערופן וועגן דער פרוי מיטן גרעסטן רעספּעקט און איבער דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור זיינען פאַרשפּרייט דברי-מוסר וועגן דער געטריישאַפט און אַכטונג צו דער פרוי.

דער מאַן האָט אויך נישט געטאָרט אָנוואַרפן אַן אימה אויף זיין הויזגעזינט, און ווער ס'האָט געשלאָגן זיין פרוי, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ נידריקן גראָבן מענטשן. די פרוי האָט אַפילו נישט געקאָנט צווינגען דעם מאַן, ער זאָל זי געבן גט צוליב דער

שלעכטער באַהאַנדלונג, אָבער אין IX און X יאָרהונדערט האָט מען אַרויפגעלייגט אַ קנס אויף אַ מאַן, וואָס האָט געשלאָגן זיין ווייב, און דער רבנו-תם, וואָס האָט געלעבט אין 12-טן יאָרהונדערט, האָט געזאָגט אויף אַזעלכן, וואָס האָט געשלאָגן זיין ווייב, אַז „אַזוינס טאָר נישט געשען ביי יידן", און האָט דעם מאַן געצוואונגען צו געבן דעם ווייב מזונות אויך נאָך דעם, ווי זי האָט פאַרלאָזט זיין הויז. שפּעטער האָט מען אויך אָנגעהויבן צווינגען אַזאַ מאַן, ער זאָל געבן גט דער פרוי.

שווערער איז געווען צו באַוואָרענען, אַז אַ מאַן זאָל נישט אַוועקפאָרן אין מרחקים און לאָזן זיין ווייב פאַר אַן עגונה. צוליב די גרויסע רדיפות האָבן די מענער געמוזט עפטער פאַרלאָזן זייער היים און זוכן פרנסה ווייט אין דער פרעמד אָדער זיך פאַרדונגען צו גויים אויף אַ לייגערע צייט, און צוליב דעם זיינען זיי געוואָרן אָפּגעריסן פון זייער פאַמיליע אויף יאָרנלאַנג. כדי צו באַוואָרענען די פאַרלאָזענע פרוי און קינדער, האָבן די יידישע געמיינדעס אין 12-טן יאָרהונדערט פאַרווערט די מענער צו פאַרלאָזן זייער היים אויף לייגער, ווי 18 חדשים, און אַזאַ לאַנגער טערמין איז געגעבן געוואָרן בלויז מיט דער צושטימונג פון די ראשי-הקהל.

יעדער, וואָס האָט געוואָלט אַוועקפאָרן פון דער היים אויף אַ לייגערע צייט, האָט געמוזט פאַרזאָרגן די פאַמיליע מיט פרנסה פאַר דער גאַנצער צייט, און אויב ער האָט נישט פאַרמאָגט אַזויפיל, איז זיין פאַמיליע אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון קהל, און צוריקקומענדיק, האָט ער געמוזט אומקערן די אַלע הוצאות.

אויסערדעם, האָט ער נאָך געמוזט פאַרבלייבן אינדערהיים ווייניקסטנס אַ האַלב יאָר, ביז ער איז נאָך אַמאָל אַוועקגעפאָרן. טייל-מאָל האָט די פרוי באַקומען פון מאַן פאַרן אָפּפאָר „אַ גט מחוסר" (פעלערהאַפטער גט), וואָס זיין צוועק איז געווען אים צו ווייזן די רעגירונגס-באַאַמטע, אויב זיי וועלן ביי איר מאָנען שטייערן, וואָס זי איז נישט אומשטאַנד צו צאָלן. דער גט האָט אין אַזאַ פאַל געדינט פאַר אַ באַווייז, אַז זי איז געגט און איז נישט

מחויב צו צאָלן די שטייערן. וויסנדיק די געדריקטע לאַגע פון די יידן אין מיטלאַלטער, קאָן מען זיי נישט דן זיין לכף חוב, וואָס זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַזעלכע מיטלען כדי צו באַוואָרענען די פּערלאָזענע שוצלאָזע פאַמיליע קעגן אויספּרעסונגען.

דאָס חתונה-האָבן אין די גאָר יונגע יאָרן האָט אָן אַ שום ספק פיל מיטגעווירקט צו דער יידישער צניעות אין מיטלאַלטער. אין ירושלים איז נישט דערלויבט געווען צו וואוינען בחורים, וואָס זיינען געווען עלטער ווי צוואַנציק און יונגער ווי 60 יאָר. דאָס געפיל געגן אויסגעלאַסנקייט איז געווען אַזוי טיף איינגעוואָרצלט, אַז ווער ס'האָט געהאַט עפּיס אַ חשד אויף זיין פרוי, האָט נישט געטאָרט מיט איר מער וואוינען. די צאָל פון בחורים אין מיטל-אַלטער איז בכלל געווען זייער קליין, מחמת אפילו די יונגע ישיבה-בחורים זיינען על-פּי-רוב געווען באַווייבט. דער רב האָט געמוזט זיין אַ באַווייבטער מענטש און אַ כהן אַ בחור האָט נישט געטאָרט דוכנען אין שול. ביי דעם אַלעמען זיינען דאָך פאַראַן רמזים אין די חיבורים פון יענער צייט, אַז אויך דעמאָלט זיינען מער אָדער ווייניקער געווען פאַרפירערס און פאַרפירטע.
דאָס צושיידן די פרויען פון די מענער אויף פאַרוויילונגען איז אויפגענומען געוואָרן נישט אָן פּראָטעסטן. ס'איז אָבער מערקוויר-דיק, אַז וואָס נענטער מיר קומען צו דער נייער צייט, אַלץ שוואַכער ווערן די פּראָטעסטן און אַלץ שטאַרקער ווערן די פאַר-צוימונגען קעגן דעם פרייען פאַרקער צווישן מענער און פרויען. קושן און האַלזן זיך איז אין 18-טן יאָרהונדערט פאַרווערט גע-ווען אויך חתן-כלה. אין דעמזעלבן יאָרהונדערט זיינען יידישע פרויען אין רוים נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אָן דער באַגלייטונג פון אַ מיידל. אין יאָר 1697 האָט מען יידישע פרויען אין מ ע ץ געאַסרט צו קומען אין שול אָן אַ שלייער, און מיט 70 יאָר שפּעטער האָבן די אַמסטערדאַמער רבנים געוואָרנט אויך די כלות, אַז זיי זאָלן זיך נישט באַווייזן אין גאַס מיט אַן אויפגעדעקטן געזיכט. די צניעות פון די יידן איז געווען אַזוי גוט באַקאַנט אין אייראָפּע, אַז בעת אין 17-טן יאָרהונדערט האָט זיך אַ ייד

דערלויבט צו זאָגן אויף אַ פרעמדער פרוי, אַז זי איז זיינע, כּדי מען זאָל זי דורכלאָזן די גרענעץ אויף זיין פּאַס, האָט דער גרע־נעץ־וועכטער זיי געוואָלט אויספּרובן און געזאָגט: „אויב זי איז דיין ווייב, טאָ גיב איר אַ קוש". דער מאַנספּערזאָן האָט עס נישט געוואָלט טאָן, און די פרוי איז נישט דורכגעלאָזט געוואָרן איבער דער גרענעץ.

מיט אַ פּאָר יאָרהונדערטער פריער האָט מען מתּיר געווען וועג־פאָריען צו טראָגן מענערשע מלבּושים, זיי זאָלן זיין זיכערער מיט אויסגעלאָסענע מענער. מענער, ווידער, האָט מען דערלויבט צו טראָגן גויעשע און זאָגאַר גלחישע מלבּושים, כּדי זיי זאָלן נישט גערודפט ווערן. לויט די לאַנדגעזעצן זיינען יידן נישט מחויב געווען צו טראָגן אין וועג דעם „שאַנדפלעק", אָבער צופיל פריי־הייט האָט מען זיי אויך נישט געגעבן, און קוים האָט זיך אַ ייד ערגעץ אָפּגעשטעלט אויף דער נסיעה, האָט ער געמוזט אָנטאָן דעם „שאַנדפלעק", וועלכער האָט אַזוי ווי מבשר געווען פון ווייטן, אַז דאָ גייט אַ ייד און מען קאָן טאָן מיט אים, וואָס מען וויל.

באשולדיקונגען און בלבולים.

דער גרעסטער מאָראַלישער פלעק אין מיטלאַלטער איז די גלייכע באַציאונג פון קריסטן און יידן צו שקלאַפעריי. ביזן 13-טן יאָרהונדערט האָט די קירך נישט באַטראַכט פאַר קיין חטא צו קויפן שקלאַפן און צו פירן אַ האַנדל מיט זיי, און אויך צו נעמען קריגסגעפאַנגענע פאַר שקלאַפן. נאָך אַ לאַנגע צייט פאַר דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום האָבן יידן נישט געטאָרט פירן אַ שקלאַפן-האַנדל מיט זייערע ברידער. דער פאַרקויף פון יידן פאַר שקלאַפן צו גויעם האָט תמיד אַרויסגערופן אַ נאַציאָנאַלע אויפרעגונג, אַזוי אַז בעת קעניג הורדוס האָט פאַרקויפט גנבים פאַר שקלאַפן, איז דאָס פאָלק אויף אים שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן.

נאָך גאָר אַמאָל איז פדיון-שבויים געווען אַ חוב פאַר אַלע יידישע געמיינדעס, און נאָך אין 18-טן יאָרהונדערט האָבן עקזיסטירט חברות, וואָס האָבן עוסק געווען אין אָט דער מצוה, אויסקויפנדיק יידישע שקלאַפן אין דרום-אייראָפע און אין די פאָרט-שטעט פון צפון-אַפריקע. אָבער אין דער אייגענער צייט האָבן יידן געהאַלטן ביי זיך דינער־קריסטן כמעט אויף אַזעלכע באַדינגונגען ווי שקלאַפן. און הגם סיי יידן, סיי קריסטן האָבן מיט צער צוגעזען, ווי זייערע ברידער ווערן פאַרשקלאַפט דורך פרעמדע, האָט די קירך דאָך נישט אויפגעהויבן די שטים געגן עצם שקלאַפעריי, אַז זי שטייט אין סתירה מיט די מענטשלעכע רעכט.

די פעלדער פון דער קירך זיינען באַארבעט געוואָרן פון שקלאַפן

און בעת דער פּויפּסט גרעגאָר דער גרויסער האָט זיך באַקלאָגט אויף יידן, וואָס זיי האַלטן ביי זיך שקלאַפן, איז עס געווען בלויז דערפאַר, וואָס זיי האַלטן שקלאַפן קריסטן, אויס מורא זיי זאָלן נישט אָנעמען דעם יידישן גלויבן. דער פּויפּסט גלאַזיוס האָט דערלויבט בפירוש יידן אַריינצופירן שקלאַפן פון פראַנקרייך, אויב זיי זיינען נישט קיין קריסטן.
די יידן אין מיטלאַלטער האָבן מער געהאַנדלט מיט שקלאַפן נישט-יידן, ווי זיי פאַרשקלאַפט. די אייראָפּייאישע קירך האָט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן האַלטן שקלאַפן און האַנדלען מיט זיי. די ערשטע האָט זי גערודפט און געשטערט און די לעצטע האָט זי געלאָזט פולע פרייהייט. קאַרל דער גרויסער האָט בפירוש דערלויבט יידן צו פירן דעמדאָזיקן שענדלעכן האַנדל, און צוויי הונדערט יאָר שפּעטער זיינען פיל שפּאַנישע יידן נתעשר געוואָרן פון האַנדל מיט סלאַווישע שקלאַפן, וועלכע זיי האָבן געבראַכט פון בעמען, און זיי פאַרקויפט צו די אַנדאַלוזישע קאַליפן פאַר זייער לייב-וואַך.
פון פאַרשידענע קוועלן ווייסן מיר, אַז די יידן האָבן מענטשלעך באַהאַנדלט זייערע שקלאַפן. אַ ייד האָט קיינמאָל נישט פאַרקויפט זיין שקלאַף צו אַ שלעכטן האַר און אים נישט געצוואונגען, ער זאָל זיך מגייר זיין. טיילמאָל האָבן זיך די שקלאַפן אַליין געבעטן, מען זאָל זיי מגייר זיין, און אַזעלכע שקלאַפן באַזונדערס האָבן זיי באַהאַנדלט ווי אייגענע קינדער, זיי געהאָדעוועט און געלערנט און עפּטער באַפרייט זיי אינגאַנצן פון שקלאַפעריי.

די באַציאונג פון יידן צו פרויען און שקלאַפן קאָן שוין אַליין דינען פאַר אַ גענוגלעכן באַווייז פון זייער הויכן מאָראַלישן צושטאַנד. ס'זיינען אָבער פאַראַן נאָך פיל ראיות, וואָס באַווייזן, אַז די יידן זיינען נישט שולדיק אין די אַלע שווערע פאַרברעכנס, ווי רציחה, גנבה, גזלה און פאַלשע שבועות, אין וועלכע מען האָט זיי באַשולדיקט. אמת, דער בלוט-בלבול איז געווען זייער פאַרשפּרייט אין מיטלאַלטער, אָבער ווי מיר ווייסן, האָבן די פּויפּסטן קיינמאָל ערנסט נישט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון

דאָזיקן בלבול. מען האָט באַשולדיקט יידן נאָך אין אַנדערע חטאים, ווי פאַלשקייט, גאוה און ליבע צו מותרות, אַז זיי זייִנען אומ-געהייער רייך, אַז זיי האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון קריסטן און אַז זייערע פרויען זייִנען מכשפות. די סיבות פון דידאָזיקע באַ-שולדיקונגען ליגן קודם דערין, וואָס דאָס יידישע אינערלעכע לעבן איז געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך פאַר די גויים און יעדע זאַך, וואָס איז ווילד-פרעמד, ווארפט אָן אַן אימה. און פון דער אַנדערער זייט, האָבן די נישט-יידן געמוזט האָבן אין די יידישע חטאים אַ פאַרענטפערונג פאַר זייערע אייגענע זינד קעגן די יידן. הוצדעם געפינען מיר נישט אין די אַלע בלבולים קיין קלאָרע און ממשותדיקע באַשולדיקונגען. אַפילו אין פאַרלייען געלט אויף פראָצענט, וואָס דאָס איז געווען איינע פון די יידי-שע הויפט-באַשעפטיקונגען אין מיטלאַלטער, האָבן די יידן אַלנ-פאַלס נישט געפירט זיך ערגער ווי אַנדערע פראָצענטניקעס-נישט-יידן. דער בעסטער באַווייז פון דער פאַלשקייט פון די אַלגעמיי-נע באַשולדיקונגען אויף יידן איז דער בלבול פון שכרות. די איירָאָפּייאישע יידן, ווייסן מיר, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ניכטערקייט. אין די לעצטע יאָרהונדערטער זייִנען, אמת, מאַנכע נכשל געוואָרן אין טרינקען צופיל אום שבת, אָבער אַ דאַנק די תקנות פון די רבנים, האָבן זיך יידן לייכט אָפּגעוויינט דערפון.

בנוגע די צווייִ באַשולדיקונגען, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ גרונט, און נעמלעך, די פעלשונג פון מטבעות און קויפן געגנבעטע זאַכן, זייִנען די יידן נישט געווען די איינציקע, וואָס זייִנען באַגאַנגען דידאָזיקע פאַרברעכנס. אין די פאַרשידענע דעקרעטן, וואָס זייִנען אַרויסגעגעבן געוואָרן געגן געלט-פעלשער, זייִנען נישט דערמאָנט דוקא יידן, און אין דער צייט, ווען די פעלשונג פון מטבעות איז געווען אַן אַרט מכת מדינה, וואָס קיין שום געגנט איז נישט געווען ריין דערפון, האָבן די יידישע רבנים געלייגט אין חרם אַריין אַלע יענע יידן, וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען. יידן האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אַ שאַנד פאַרן כלל-ישראל, ווען עמיץ אַ ייד האָט געפעלשט אָדער געהאַנדלט מיט פאַלש געלט.

בנוגע געגנבעטע זאַכן, האָבן יידן זיי עפּטערס געקויפט, הגם על-פּי-דין איז עס געווען אסור. אין XII יאָרהונדערט איז יידן דערלויבט געוואָרן דורכן געזעץ צו נעמען במשכּון געגנבעטע זאַכן, אָבער די יידישע רבנים האָבן אָפּגעוואָרפן מיט פּראַכטונג דידאָזיקע פּריווילעגיע. ביי די יידן פון בבל געפינען מיר אַן אויסטערלישן מנהג: אין X יאָרהונדערט פלעגן זיי קויפן געגנבעטע זאַכן, כּדי זיי אומצוקערן די אמתע אייגנטימער. ווי מיר זעען, זיינען די אַלע חטאים, וועלכע מען האָט פאָרגעוואָרפן די יידן אין מיטלאַלטער און די שפּעטערע תקופות, געווען מער כאַראַקטעריסטיש פאַר די נישט-יידן, ווי פאַר די יידן.

די שרעקלעכע נגישות און רדיפות אויף יידן פון אויסנווייניק האָבן נישט געבראָכן זייער אינערלעכע גייסטיקע קראַפט, נאָר פאַרקערט, זי געשטאַרקט און געקרעפטיקט. בעת די יידן האָבן אַזוי שווער געליטן פון די אומצייליקע שונאים, זיינען זיי געווען נאָך מער געוואָרנט זיי נישט צו נאַרן אין האַנדל. אָפּנאַרן אַ גוי איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ טאָפּעלן חטא: פאַר אַ גזלה און חילול השם. ביי אַ ייד האָט מען געוויינלעך גענומען אַ טייערערן מקח, ווי ביי אַ גוי. אַלע ספרי-מוסר פון יענער צייט וואָרענען, אַז מען זאָל זיין געהיט נישט צו באַשווינדלען קיין גוי, און אַז מען זאָל נישט פאַרדעקן דעם חטא פון אַזעלכע שווינדלער-יידן. ווי ווייט יידן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן צו האָבן אַן עסק מיט אַ נישט-יידישן געריכט, געפינען מיר דאָך, אַז איינער פון די גדולי-ישראל האָט איבערגעגעבן אַ ייד אין גויעשן געריכט פאַר אַ גזלה ביי אַ קריסט. אויך די גאונים האָבן זיך נוהג געווען איבערצוגעבן צו דער מאַכט יידן, וואָס האָבן געקויפט געגנבעטע זאַכן.

דאָס אויפבינדן פון נדרים (התרת נדרים) האָט אויך געגעבן אַן אויסרייד די שונאי-ישראל צו באַשולדיקן יידן, אַז נדרים און שבועות האָבן ביי זיי נישט קיין ווערט. מיר געפינען אָבער, אַז פון אייביק אָן און אויך די גאַנצע צייט פון מיטלאַלטער, האָבן די גדולי-ישראל נישט אויפגעהערט צו וואָרענען זייערע געמיינדעס, אַז זיי זאָלן זיין אָפּגעהיט אין נדרים און שבועות, און אַ

פאַלשע שבועה האָבן זיי באַטראַכט פאַרן האַרבסטן חטא. נאַטיר־לעך, פאָלגט מען נישט אַלעמאָל די גוטע עצות און וואָרנונגען, און ס׳זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן נישט דערפילט זייערע נדרים. פאַר זיי טאַקע האָט מען געלאָזט אַן אויסוועג צו באַרע־כענען זייערע מעשים און צו בעטן ביי די חכמים אַן אויפבינ־דונג פון זייערע נדרים. נדרים און שבועות אָבער, וואָס זיינען נוגע נישט זיך אַליין, נאָר אַנדערע, און וואָס זייער אויפבינדונג קאָן ברייגען צו אַ זיטלעכער פאַרדאָרבנקייט, האָט מען נישט גע־טאָרט מתיר זיין. קיין שום רב אָדער בית־דין האָט נישט געהאַט קיין רעכט אויפצובינדן אַ נדר אָדער אַ שבועה, וואָס איז אַרויס־געלייגט געוואָרן דורכן בית־דין. אַ האַנדלס־אָפּמאַך, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ שבועה, האָט מען אויף קיין פאַל נישט געקאָנט אָפּרופן. באַזונדערס האָט די יידישע תורה זיך באַצויגן שטריינג צו אַ חטא פון אַ כלל, און אַ שבועה פון אַ כלל האָט מען נישט געקאָנט מבטל זיין.

די פרוי און דאָס הויזלעכע לעבן

אסך מיינען, אַז דעם איסור צו נעמען פיל ווייבער האָבן ייִדן איבערגענומען ביי די אייראָפּייאישע פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט. מיר ווייסן אָבער, אַז די הייליקייט פון הויז איז געווען איינע פון די הויפּט-פאַקטאָרן אין דער אַנט- וויקלונג פון יידנטום נאָכן גלות בבל, און אַז נאָך דעמאָלט איז אין דער יידישער פאַמיליע איינגעפירט געוואָרן צו נעמען זיך בלויז איין ווייב. דער גאַנצער תלמוד איז געבויט געוואָרן אויף דעמדאָזיקן מנהג. אַלע משלים און ווערטלעך וועגן דער פרוי באַציען זיך צו דער איינציקער ווייב.

הגם על-פי-דין האָט מען געמעגט האָבן פיל ווייבער, אָבער אין דער פּראַקטיק איז דערדאָזיקער מנהג שוין לאַנג בטל געוואָרן, און צווישן אַלע חכמי התלמוד געפינען מיר נישט קיין איינציקן, וואָס האָט געהאַט מער ווי איין ווייב. אין דער תלמודישער לי- טעראַטור ווערט תמיד גערעדט וועגן אַן אשת-איש, און נישט וועגן אימעצנס ווייבער. אַחוצדעם זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע קליינע באַווייזן, אַז דאָס לעבן צווישן מאַן און ווייב איז גע- ווען געבויט אויפן יסוד פון דער איינציקער פרוי. די ווערטער פון ר׳ יהודה הנשיא, אַז אויב זיין זון וועט נעמען צוויי ווי- בער, וועט מען זאָגן, אַז די איז זיין פרוי און יענע איז זיין בת-זוג קאָנען דינען אַלס ריכטיקער באַווייז, אַז דער מנהג צו נעמען איין ווייב איז געווען טיף איינגעוואָרצט אין פאָלק

ווער יידישער מנהג האָט אַזויאַרום געבראָכן דאָס געזעץ, נאָך איידער די רוימישע אָנשויאונג וועגן דעם ענין האָט זיך שטאַרק פאַרשפרייט אין אייראָפּע. אין IX יאָרהונדערט האָבן די גאונים שוין אויך געפסקנט, אַז מען טאָר נישט נעמען נאָך אַ ווייב אָן דער הסכמה פון דער ערשטער, און אין X יאָרהונדערט געפינען מיר, אַז איינער פון די גרעסטע יידן אין מיטלאַלטער גרשון „מאור הגולה" האָט געאַסרט מיט אַ חרם צו נעמען מער ווי איין ווייב, און אָן דער אויטאָריטעט פון אַ רבנים־פאַרזאַמלונג האָט ער באַקומען דערצו די פולע צושטימונג פון אַלע גדולים אין זיין צייט, און פון דעמאָלט אָן האָט דאָס נעמען איין פרוי באַקומען אַ געזעצלעכע קראַפט פאַר אַלע יידן פון אייראָפּע.

פאַרקערט, דער איסלאַם, וועלכער האָט מתיר געווען צו נעמען עטלעכע ווייבער, האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף די יידן אין די מוסולמאַנישע לענדער. דאָרט געפינען זיך עד־היום יידן, וואָס זיינען עובר אויפן חרם דרבנו גרשון, און, וואַרשיינלעך, האָט דאָס אַריינגעפירט אין טעות, אַז יידן האָבן פון די קריסטלעכע פעלקער איבערגענומען דעם מנהג פון איין פרוי. אין אמתן אָבער האָט די אויסערלעכע השפעה מצד די מוסולמענער מיטגע־ווירקט, אַז יידן זאָלן נעמען פיל ווייבער, בעת דאָס געזעץ וועגן איין פרוי איז געשאַפן געוואָרן אינעווייניק און נישט איבערגע־נומען געוואָרן פון פרעמדע.

די מוסולמענישע השפעה האָט זיך אויך געפילט אין די קריסט־לעכע שפּאַנישע לענדער, וואו דער מנהג פון פילווייבעריי איז געווען שכיח נאָך אין XIV יאָרהונדערט. אין יעדן איינצלנעם פאַל האָבן יידן אָבער געמוזט באַקומען דערצו אַ קעניגלעכע דערלויב־ניש, אַ נישט איז מען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

אין איין פאַל זיינען אייניקע רבנים געווען געניגט מתיר צו זיין דעם מאַן, ער זאָל ברעכן דעם חרם דרבנו גרשון, און נעמ־לעך, בעת די פרוי האָט נישט געוואָלט נעמען קיין גט נאָכדעם ווי זי האָט מיט אים געוווינט צען יאָר און נישט געהאַט קיין קינדער. אָבער אויך אין דעם פאַל האָט מען דעם מאַן פאַר־

שאַפט אַ סך שוועריקייטן. אייניקע פון די גרעסטע פּוסקים, ווי רבנו נסים און הר"י מינץ, האָבן אויף יעדן פאַל גע-אסרט צו נעמען עטלעכע ווייבער. דאָס געזעץ פון יבום, לויט וועלכן יעדער איז מחויב צו נעמען די אלמנה פון זיין ברודער, אויב ער איז געשטאָרבן אָן קינדער, איז געווען אַ שטערונג פאַר דער איין פרוי. ס'זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטענהט, אַז די רבנים זיינען מבטל אַ בפירושן דין פון דער תורה. האָבן די רבנים ממציא געווען דערצו אַ מיטל, אַז יעדער מאַנספּערזאָן זאָל זיך פאָרויס מתחייב זיין מיטן גוטן ווילן נישט צו נעמען נאָך אַ ווייב, און דידאָזיקע התחייבות איז איינגעשריבן געוואָרן אין דער ווייבס כתובה. אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען גראָד אין די מוסולמענישע לענדער, וואו מען נעמט פיל ווייבער.

דאָס יידישע פאַמיליענלעבן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ זעל-טענער ריינקייט און געטריישאַפט, סיי אין די מזרח-און סיי אין די מערב-לענדער. קיין שום ווערטער זיינען נישט אומשטאַנד אויס-צודריקן דאָס טיפע געפיל פון ליבע און צוגעבונדנקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן עלטערן און קינדער. די תורה זאָגט צו אַ לאַנג לעבן פאַר כבוד אב ואם, דער תלמוד פאַררעכנט עס צווישן די זאַכן, וואָס דער מענטש געניסט פון זייערע פירות אויף דער וועלט און דער קרן קימת בלייבט פאַר יענער וועלט, אָבער נישט דער שכר און נישט דער עונש האָט דאָ געשפּילט אַ ראָ-לע, נאָר די ליבע און אַכטונג, וואָס איז געווען אַזוי טיף איינ-געוואָרצלט אין האַרצן. און מחמת די ליבע איז געווען טיף איינ-געבאַקן אין האַרצן, איז אויך נישט נויטיק געווען זי אַרויסצע-ווייזן עפנטלעך דורך פיל אויסערלעכע צייכנס. מען האָט עס נישט באַדאַרפט, ווייל מען האָט זיך ליב געהאַט באמת.
אין געוויסע פּרטים איז דאָס קינדערשע לעבן אין מיטלאַלטער געווען זייער שווער. די דיסציפּלין איז געווען אַ געוואַלדיקע, די קינדער האָבן געמוזט פאָלגן און פאַר יעדער קלייניקייט זיינען זיי באַשטראָפט געוואָרן קערפּערלעך. ביים טיש, פאַר געסט, האָבן די קינדער געמוזט זיצן רואיק, שטיל, מיטן גרעסטן דרך-ארץ

און די געסט האָבן, לויט אַ ריכטיקן מאָראַלישן געפיל, נישט געטאָרט נאָכגעבן די קינדער פון באַלעבאָס. נאַטירלעך, זיינען געווען אויך מילדערע עלטערן, אַזוי אַז די ספרי-מוסר קלאָגן זיך תמיד, וואָס די קינדער באַקומען צופיל פרייהייט, זיצנדיק ביים טיש, אָדער אין שול אָדער פאַר עלטערע מענטשן. אין שולהויף זיינען נישט געמאַכט געוואָרן קיין באַזונדערע ערטער צום שפילן זיך פאַר קינדער, מחמת די קינדער האָבן געמוזט אַ גאַנצן טאָג זיצן און לערנען. דער איינציקער אָפרו איז געווען מיטאָג-צייט. אָבער די קינדער האָבן דאָך געפונען צייט אויך צום שפילן, און זיי האָבן געהאַט פאַרשידענע שפילצייג, דערונטער אויך פילקעס פאַרצירט מיט געמעלן.

די קינדער האָבן, נאַטירלעך, גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די יידישע שמחות און ימים-טובים. חנוכה און פורים פלעגן זיי באַקומען מתנות פון די עלטערן און קרובים און פלעגן גיין צו-גאַסט צו זייערע אייגענע און באַקאַנטע, וואו מען האָט זיי מכבד געווען מיט כל-טוב. שמחת-תורה, ביי די הקפות, אָדער בעת אַ חתן איז אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה אין שול, האָט מען די קינדער געוואָרפן פרוכטן און גוטע זאַכן. די קינדער פלעגן זיך אַמאָל מאַכן אַליין אַ שמחה, בעת זיי האָבן געענדיקט אַ מסכת פון דער גמרא, אָדער סכות-צייט, ווען זיי פלעגן אַרומגיין איבער אַלע הייזער צונויפקלייבן די אָפגעשלאָגענע הושענות און זיי פאַרברענען אין מיטן גאַס צוזאַמען מיט צווייגלעך פון סוכה-סכך. פסח-צייט ביי די סדרים האָבן די קינדער געשפּילט די הויפטראָלע, און צוליב זיי האָט מען זיך צוגעאיילט אָנצוהויבן דעם סדר נישט שפּעטער ווי האַלבע נאַכט. די קינדער האָבן געפרעגט מיט גדלות די פיר קשיות, אויף וועלכע דער פאָטער האָט געענטפערט מיט שמחה.

אַמאָל האָט דער יינגל איינגעוויקלט אַ מצה אין אַ טיכל, זי אַרויפגעלייגט אויפן פלייצע און זיך געזעצט דערמיט צום סדר, צום אָנדיינק פון יציאת מצרים, אָדער זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן, און בעת מען האָט אויפגעעפנט די טיר, לויטן מנהג, פאַר אליהו הנביא, איז ער אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אַ פריילעכן טומל.

אַמאָל האָט דער ייִנגל געמאַכט אַ גאַנצע פאָרשטעלונג אין דער
סדר-נאַכט: ער פלעגט זיך אָנטאָן ווי אַ וואַנדערער, מיט אַ טלו-
מעק אויפן פלייצע און אַ שטעקן אין האַנט, און אַזוי אַריינקומען
אין שטוב. דער באַלעבאָס האָט געפרעגט: „פון וואַנען קומסטו?"
און ער האָט געענטפערט: „פון מצרים".—„צי ביסטו באַפרייט
געוואָרן פון שקלאַפעריי"—„יאָ, איך בין פריי."—„און וואוהין
גייסטו?"—„קיין ירושלים".—„ניין, זעץ זיך מיט אונז ווען מיר
זאָגן די הגדה". און דאָס ייִנגל פלעגט זיך אַוועקזעצן צום טיש.
דער גלויבן האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף אַלע געביטן פון
ייִדישן לעבן. ער האָט געשליפט די חושים פון ייִד און איינ-
געפלאַנצט אין אים אַ געפיל פון זויבערקייט און ריינקייט. אויף
שבת און יום-טוב און באַזונדערס פאַר פסח האָט מען געריייניקט
און געשייערט אַלע צימערן און זאַכן, אַזוי אַז דאָס אָרעמסטע
שטיבעלע האָט געבליצט און געפינקלט פון ריינקייט. בכלל האָבן
ייִדן דעמאָלט געהאַלטן ריינקייט פאַרן בעסטן מיטל געגן כלערליי
קראַנקהייטן, און צוליב דעם האָבן זיי אין אַ צייט פון אַ מגפה
געהאַט פיל ווייניקער טויטפאַלן, ווי די גוים. צוליב דעם האָט
מען די ייִדן חושד געווען, אַז זיי וואַרפן אין די ברונעמער סם.
אַ דאַנק דעם שטאַרק אַנטוויקלטן רחמנות-געפיל, זייַנען ייִדן גע-
ווען זייער אָפגעהיט אין צער בעלי-חיים, און אָפטמאָל האָבן זיי
געהאָדעוועט ביי זיך בעלי-חיים, כדי צו קענען מקיים זיין דעם
דין און צו געבן זיי עסן פריער איידער מען עסט אַליין. וואוי-
נענדיק אין די אָרעמע געטאָס, טיילמאָל צו עטלעכע פאַמיליעס
אין איין צימערל, זייַנען זיי דאָך, אַ דאַנק דעם טיף איינגע-
וואָרצלטן רעליגיעזן געפיל, נישט נכשל געוואָרן אין מאָראַלישע
חטאים. דער ייִד האָט אויך געהאַלטן ריין דעם קערפער: יעדן
ערב שבת איז ער געגאַנגען אין באָד, פאַרן עסן האָט ער גע-
וואַשן די הענט. זעצנדיק זיך שבת צום טיש, וועלכער האָט גע-
הייסן „גאָטס מזרח", האָט דער ייִד געדאַרפט זיין ריין ווי אַ
כהן ביי דער עבודה אין בית המקדש. ביים טיש האָט מען זיך
נוהג געווען צו זאָגן דברי-תורה אָדער גאָר צו האַלטן אַ דרשה.
ווען ס'איז געווען ביים טיש אַן אורח, אַ וואויללערנער, פלעגט

ער מהנה זיין דעם בעלעבאָס מיט זיינע חדושי-תורה. דער אי-בערגאַנג פון דברי-תורה צו וואָכעדיקע שמועסן איז גאַנץ לייכט, און פורים אָדער אויף חתונה-מאָלצייטן איז געווען אַ מנהג, אַז דער „מאַרשאַלעק" אָדער בדחן זאָל זאָגן ווערטלעך און מאַכן קורצע פאָרשטעלונגען. ס'איז אויך געווען אָנגענומען צו פרעגן רעטענישן ביים טיש, אַזוי אַז אַלע גרעסטע יידישע פּאָעטן אין מיטלאַלטער האָבן פאַרפאַסט רעטענישן (חידות).

די זמירות, וואָס זיינען אַ געמיש פון היילקע און וואָכעדיקע קלאַנגען, האָבן אַ סך פאַרלייכטערט דעם איבערגאַנג פון דברי-תורה צו וואָכעדיקע ענינים.

אין די לאַנגע ווינטערנעכט איז די פאַמיליע געזעסן עטלעכע שעה ביים טיש און פאַרבראַכט אין שמועסן און אין זינגען זמירות. די פרויען זיינען געוויינלעך געזעסן שטיל און זיך צו-געהערט, און די קינדער האָבן אונטערגעהאַלטן מיט ביי-קולכלעך. די מיידלעך האָבן געזונגען באַזונדער, און אַמאָל האָבן מאַן און ווייב אויפגענומען דעם שבת מיט אַ דועט, באַגלייט פון מוזיק.

אויך ליבע- און וויין-געזאַנגען אין יידיש און אַראַביש האָבן גע-פונען אַ צוטריט אין די יידישע הייזער, באַזונדערס אין שפּאַניע, בעת די אַראַבער האָבן דאָרט געלעבט. צווישן די זמירות אַפילו האָבן זיך אַריינגעכאַפּט מאַנכע וואָכעדיקע קלאַנגען, וואָס זיי-נען געזונגען געוואָרן מיט אַראַבישע מעלאָדיעס. נאַטירלעך, איז די זאַך נישט געפעלן אייניקע רבנים, אָבער זייער תרעומות און שטראָף-רייד האָבן ווייניק געהאָלפן. מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער זיינען אַזעלכע געזאַנגען געווען באַליבט אויך ביי די דייטשע יידן. אַלנפאַלס זיינען די יידישע וויין-געזאַנגען נישט געווען גלייך צו די נישט-יידישע. זיי זיינען געווען דורכגעדרונ-גען מיט שמחה און חדוה, אָבער קיין מאוסע ווערטער, נבול-פה האָבן זיי נישט געהאַט.

פון שכרות האָבן יידן נישט געוואוסט. קדוש איבער וויין שבת און יום-טוב און אויף אַ שמחה האָט מען געמאַכט מער צוליב דער מצוה, ווי צוליבן טרינקען. די ליבשאַפט פון יידן צו טאַ-

באַק און קאַווע אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען דידאָזיקע אַרטיקלען זיינען געווען ווייניק באַקאַנט, האָט געשטאַמט פון זייער עקל צו אַלקאָהאָל-געטראַנקען און אויך פון זייער ליבע צו געזעלשאַפט. אין אָנהויב פון XI יאָרהונדערט איז קאַווע באַקאַנט געוואָרן אין מצרים אַלס אַ „יידישע משקה״ און יידן האָבן עס געטרונקען אינדערפרי פאַרן דאַווענען, אַלס מיטל קעגן קאַטאַר און נאָכן עסן. אין אייגלאַנד האָבן יידן איינגעפירט דאָס קאַווע-געטראַנק. דער טאַבאַק איז צוערשט אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע דורך לואיס דע טאָריס, איינער פון די יידן, וואָס האָבן באַגלייט קאָלומבוסן אויף זיין נסיעה. די קירך איז געווען קעגן טאַבאַק-רייכערן, אָבער די יידישע רבנים האָבן עס אָנגענומען מיט פרייד, מחמת זיי האָבן געזען אין דעם אַ הילף-מיטל צו ניכטערקייט, און צווישן זיי איז אַנטשטאַנען אַ חלוקי-דעות בלויז בנוגע דעם טאַבאַק-געברויך אום שבת, יום-טוב און תעניתים, און צי מען דאַרף מאַכן דערויף אַ ברכה. אין תעניתים האָט מען זיך נוהג געווען צו רייכערן ביז האַלבן טאָג און אום שבת האָט מען לגמרי נישט געטאָרט רייכערן. די פאַרברענטע רייכערערס, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון רייכערן, האָבן דערביי אָנגעווענדט פאַרשידענע המצאות. אייניקע פלעגן אָנפילן די לולקעס מיט טאַבאַק און זיי אָנגעצונדן ערב שבת, אַז זיי זאָלן פאַרשפּרייטן אַ טאַבאַק-רויך אום שבת. אייניקע פלעגן פאַרברייינגען ביי זייערע באַקאַנטע מוסולמענער און דאָרט אַריינציען אין זיך דעם רויך פון זייערע לולקעס און נאַרגילעס. דער טאַבאַק-האַנדל האָט פון די ערשטע צייטן אָן זיך געפונען אין יידישע הענט, און דער טאַבאַק-מאָנאָפּאָל געפינט זיך אין אייניקע לענדער עד-היום אין יידישע הענט.

דאָס הויזלעבן.

די קרייצפאָרערס אין זייערע מלחמות האָבן געבראַכט פיל צרות און פיין אויף די אייראָפּייאישע יידן אין מיטלאַלטער. אַ סך געמיינדעס זיינען חרוב געוואָרן אינגאַנצן און אַנדערע זיינען שרעקלעך פאַראָרעמט געוואָרן. פיל ישיבות זיינען צוגעמאַכט געוואָרן. צווישן יידן זיינען אויפגעשטאַנען גרויסע וואַנדער-מאַסן—קבצנים און בחורים-לומדים, וועלכע האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער מדינה צו פאַרקויפן זייערע סחורות אָדער צו זאָגן תורה. פון דעמאָלט אָן איז די אויסהאַלטונג פון די וואַנדערער-אָרעמעלייט געוואָרן אַ חוב פאַר די יידישע געמיינדעס. און די אָנגעקומענע אורחים-קבצנים זיינען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די שטאָט-באַלעבאַטים, וועלכע האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט דירה, עסן און טרינקען. אָבער ווי יעדע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע, האָט אויך דערדאָזיקער מנהג געהאַט זיין חסרון, און, אָנשטאָט צו פאַרמינדערן, האָט ער בלויז פאַרגרעסערט די צאָל וואַנדער-קבצנים.

די מיטלאַלטערלעכע יידן האָבן האַרציק אויפגענומען דעם אורח און אויסגעמיטן דאָס אַלץ, וואָס האָט אים געקאָנט דערמאָנען אין זיין לאַגע. אַזוי, למשל, האָבן זיי געזאָגט שטילערהייט די ווערטער פון פסוק אין ברכת-המזון: „נער היתי וגם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם” (איך בין געווען יונג און געוואָרן אַלט און נישט געזען אַ פאַרלאָזטן צדיק. וואָס זיינע קינדער בעטן ברויט). דער ייד איז בכלל נישט אַוועק פונם רעיון, אַז דער

טיש איז אַ מזבח, און דאָס עסן, וואָס מען גיט דעם אָרעמאַן, איז געגליכן צו אַ קרבן פאַר גאָט.
אינם רחמנות-געפיל און גאַסטפריינטלעכקייט האָט אָבער אָפטמאָל געשטעקט אַ חשק צו גרויסן זיך פאַר לייטן. די „סעודות-מצוה", וואָס זיינען עפטערס פאָרגעקומען אין יידישן לעבן, האָבן נישט זעלטן געפירט צו פאַרשווענדעריי און בארימעריי, אַזוי אַז די רבנים האָבן איינגעפונען פאַר נויטיק איינצושליסן און באַגרענצן זיי אין געוויסע ראַמען. מען האָט דאָך נישט באַשריינקט די צאָל אָרעמע בחורים, וואָס דער רב מעג אויסהאַלטן, און אויפן רב ר' שעפסל הורוויץ (בעל-השל"ה) דערציילט מען, אַז ער האָט תמיד געהאַט ביי זיך צום טיש נישט ווייניקער ווי 80 בחורים. אויף מאַנכע הכנסת-אורחים זיינען צייטנווייז אַרויפגעלייגט געוואָרן אָפּצאָלונגען, באַזונדערס אין איטאַליע, וואו די פאַר-שווענדעריי איז געווען גאָר גרויס. אין פורלע האָבן די ראשי הקהל אין יאָר 1418 אַרויסגעטראָגן אַ החלטה, אַז מען טאָר נישט פאַרבעטן צו אַ חתונה מער ווי צוואַנציק מאַנסלייט, צען פרויען און פינף מיידלעך, אויסער נאָנטע קרובים. אויב די כלה איז געווען פון אַ פרעמדער שטאָט, האָבן זי נישט געטאָרט באַגלייטן מער ווי צען רייטער און פיר פוסגייער. צו דער סעודה פון אַ ברית-מילה האָט מען אויסער די קרובים געמעגט פאַרבעטן נישט מער ווי צען מאַנסלייט און פינף פרויען, און ווער ס'האָט עובר געווען, האָט געמוזט באַצאָלן צו איין גילדן פון אַן איבעריקן פאַרשוין.
אין XI יאָרהונדערט איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ תקנה צו באַגרענצן די צאָל טיש-געשיר, וואָס יעדער ייד מעג האָבן. אין מעץ האָט מען באַשטימט דאָס מאַקסימאַלע געוויכט פון די וויינ-בעכער ביז צען אונצן. בכלל האָבן יידן פאַרמאָגט אַ סך כלים און טיש-געשיר: יעדער ייד האָט געמוזט האָבן באַזונדערע כלים אויף פליישיקס און מילכיקס. און גאָר די פרומע האָבן געהאַט באַזונדערע עסצימערן און קיכן פאַר פליישיקס און מילכיקס. אויף פסח האָט מען אויך געמוזט האָבן באַזונדערע כלים. אין פיל יידישע הייזער האָט זיך געפונען אַ גאָלדענער אָדער זילבערנער

קידוש-בעכער און א מנורה מיט זיבן רערן.

אפילו אין די אָרעמסטע הייזער זיינען געווען טישטוכער, אויס-געניייט מיט בילדער פון עופות און גאָלדענע פישלעך פון דער אַלטער יידישער געשיכטע, און אין XV יאָרהונדערט האָט מען אויסגעמאָלט אויף די ווענט אויך פאַרשידענע וועלטלעכע בילדער. אויך שפיזן און שווערדן האָט מען אויפגעהאַנגען פאַר שיינקייט, אַז עס זיינען דערפונדן געוואָרן די זייגערס, וואָס האָבן אויסגע-קלונגען אָדער אויסגעשפילט די שעהן, האָבן זיי זיך באַלד באַ-וויזן אין די יידישע הייזער.

איידער די יידן זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין XV יאָרהונדערט אין די איינגע געטאָס, זיינען צווישן זיי געווען אויסגעצייכנטע גערטנער-פאַכלייט. ארץ ישראל איז פון אַלעמאָל אָן געווען באַ-רימט מיט אירע טייערע גערטנער. און אין 13-טן יאָרהונדערט האָבן די יידן אין דרום-פראַנקרייך פאַרמאָגט וויינגערטנער און סעדער, וועלכע זיי האָבן אַליין באַארבעט.

אין די געוויינלעכע יידישע הייזער זיינען געווען צוויי באַזונדע-רע צימערן: אַן אינעווייניקסטער און אַ פאָרצימער, וואו מען איז געזעסן אין די הייסע שיינע זומער-טעג. אין סוכה פלעגט מען זיצן מיט פאַרגעניגן, און די סוכות האָט מען פאַרפּוצט געשמאַק-פול, מיט כלערליי טייערע חפצים.

דער ייד איז מייסטנס געווען מילד און ווייך צו זיין הויזגעזינט. אין שטוב האָט די פרוי מקבל-שבת געווען, אָנצינדנדיק די בענטש-ליכט. און פאַר איר כבוד וועגן האָט דער מאַן פרייטאָג צו נאַכטס געזאָגט „אשת חיל". אויך אין דינים האָט מען זיך פיל מאָל סומך געווען אויפן מנהג פון די פרויען, און אין מיטלאַלטער זיינען יידישע ווייבער טאַקע געווען קלאָר אין דינים און מען האָט זיך אויף זיי געקאָנט פאַרלאָזן. ווי ווייט די יידישע פרויען זיינען געשעצט און געאַכט, קאָן מען פאַרשטיין פון די ווערטער פון איינעם פון די גרעסטע פוסקים (ר' מרדכי). לויטן דין איז אַ פרוי נישט מחויב אין הסבה אין פסח-נאַכט, סיידן זי איז אַן אשה חשובה. ר' מרדכי באַמערקט אָבער, „אַז היינט זיינען אַלע אונזערע ווייבער חשובע".

די מילדקייט פון די יידן האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף אַ בולטן אופן אין זייער פירונג מיט די משרתים. צוליבן פּאַנאַטיזם פון די גלחים זיינען געווען זייער ווייניק קריסטלעכע דינסטן אין די יידישע הייזער. אויב די יידן האָבן אָבער נישט געוואָלט פאַרברייינגען דעם שבת אין פינסטערניש און אין קעלט, האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו נישט-יידן, זיי זאָלן זיי מאַכן פייער און אַכטונג געבן אויף די שבת-ליכט. און דערדאָזיקער ענין איז געווען איינער פון די שווערסטע שאלות אין יידישן רעליגיעזן לעבן, מחמת, באַנוצנדיק זיך מיט פרעמדע צו שבתדיקער אַרבעט, הייסט עס אייגנטלעך ווי מען וואָלט אַליין געאַרבעט. דער רשב״א (ר׳ שלמה בן אדרת) האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין פייער ווינטערצייט דורך אַ גוי, הגם אין פראַנקרייך האָט מען עס מתיר געמאַכט, זעענדיק, אַז זיין קריסטלעכע דינסט הייצט איין דעם אויוון אום שבת, נישט-געקוקט אויף זיין וואָרנונג, האָט ער פאַרשלאָסן דעם אויוון מיט אַ שלעסל און דעם שליסל געהאַלטן ביי זיך. דאַגעגן, האָט אַן אַנדער גרויסער רב מתיר געמאַכט די אַלע נויטיקע מלאכות אום שבת דורך אַ גוי. צולעצט איז דידאָזיקע גרויסע שאלה פאַרענטפערט געוואָרן אויף אַ פשרהדיקן אופן, און דער „שבת-גוי" און „שבת-גויע", וואָס גייען אַרום איבער די הייזער צו הייצן אין אויוון, אָפּצושניידן דעם ליכטקנויט און דעסגלייכן, זיינען געוואָרן די נויטווענדיקסטע מענטשן אין יידישן געטאָ.

אַ יידישער משרת איז פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער משפחה, און הגם ער האָט נישט תמיד געגעסן ביי איין טיש מיט די באַלעבאַטים, האָט ער אָבער באַקומען אַ חלק פון אַלע געריכטן, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש. מען טאָר נישט פאַרשעמען אַ משרת אָדער אַ דינסטמיידל, און אויב זיי האָבן געטאָן, וואָס מען האָט זיי געהייסן, טאָר מען זיי נישט זאָגן, אַז זיי האָבן שלעכט געטאָן—שטייט אין ספר-חסידים. בכלל זיינען יידן תמיד געווען מילדע באַלעבאַטים און ווי אַזוי זיי זיינען זיך באַגאַנגען מיט זייערע דינסטן, קאָן מען אויך זען פון די ווערטער פון אַ באַוואוסטן רב, וועלכער זאָגט, „אַז די באַלעבאַסטעס

נעמען נישט אראָפּ פונם לוין פון די דינסטן פאַר די כּלים, וואָס זיי האָבן צעבראָכן ביי זיי אין שטוב.״ די דינערשאַפט האָט, נאַטירלעך, אויך געגאָסן פונם שבת-רו און אין די שבת-און יום-טוב-אָוונטן זיינען זיי געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיטן הויזגעזינט און זיך פאַררעכנט פאַר אמתע פאַמיליע-מיטגלידער. דעמאָלט האָט מען זיך נישט געשעמט מיט זיי און נישט געטאָרט זיי פאַרשע-מען. „אַז איך בין געווען אַ קינד—דערציילט ר׳ ישראל ליפּ-שיץ, דער פאַרפאַסער פון „תפארת ישראל״ אויף משניות—האָב איך געהייסן דער דינסטמיידל, וואָס איז געזעסן מיט אונז צו-זאַמען ביים טיש, אַז זי זאָל מיר דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער, האָט די מוטער אויף מיר אָנגעשריען דערפאַר.״
די באַלעבאַטים פלעגן חתונה מאַכן אויף זייערע הוצאות די אָרע-מע יתומות, וואָס האָבן זיי אַ לייַנגערע צייט געדינט, און געפּראַ-וועט זייערע חתונות מיטן גרעסטן פּאַראַד. די ברייטקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין יאָר 1664 האָבן די ראשי-הקהל אין מעץ אַרויסגעגעבן אַ תקנה, אַז די באַלעבאַטים טאָרן נישט צופיל זיך אויסברייטן אויף די חתונות פון זייערע דינסטן, און צו די מאָלצייטן האָבן זיי נישט געטאָרט פאַרבעטן מער ווי 32 געסט, אויסער די ראשי-הקהל.

ליבע און שידוכים.

דער מיטלאַלטערלעכער מנהג חתונה צו מאַכן קינדער קליינערהייט האָט נישט איבערגעלאָזט קיין ברייטן פּלאַץ פאַר ליבע אין יידישן לעבן. פונדעסטוועגן געפינען מיר אין דער גמרא און אין די מיטלאַלטערלעכע כראָניקעס אַ סך דערציילונגען וועגן ליבע אין הייַנטוועלטיקן זין. די גרויסע יידישע פּיטנים (פּאָעטן) ווי ר׳ משה בן עזרא און ר׳ יהודה הלוי, וואָס זייערע פּיוטים און סליחות פאַרנעמען אַ גרויסן אָרט אין אונזערע געבעט-ספרים, האָבן אויך פאַרפאַסט די פלאַמענדיקסטע ליבע-לידער.

די באַמיונגען פון דער פרוי צו זוכן אַ פאַרליבעניש איז אַלנפאַלס געווען פרעמד די יידישע באַגריפן אין מיטלאַלטער. איינער פון די גאונים שרייבט: „דער מנהג פון יעדער יידישער טאָכטער, אַפילו אויב זי איז אַ בוגרת און זאָגאַר אַלט צוואַנציק יאָר, זיך צו פאַרלאָזן אויפן פאָטער, אויב דער פאָטער לעבט, און ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערע פאַרשייטקייט און חציפות פאַר אַ יידישער טאָכטער, ווי צו זאָגן אַ דעה, אַז דעם אָדער יענעם וויל איך. נאָר זי דאַרף זיך סומך זיין אויפן פאָטער״. דידאָזיקע מימרא באַווייזט, וואָס פאַר טיפער תהום ס׳איז געלעגן צווישן די תלמודישע און מיטלאַלטערלעכע באַגריפן. די אָנשויונג פון תלמוד איז געווען נאָענט צו דער היינטיקער אייראָפּייאישער אויפפאַסונג. דער תלמוד זאָגט: „קיינער טאָר נישט חתונה מאַכן זיין טאָכטער קליינערהייט, נאָר דאַרף וואַרטן ביז זי וועט אויס-

וואַקסן און זאָגן: דעם און דעם וויל איך.״

דאָס פריצייטיקע חתונה-האָבן האָט געהאַט אַ מאָראַלישן גרונט. צניעות איז געווען איינע פון די ווערטפולסטע אייגנשאַפטן ביי יידן. און דערום האָבן זיי די קינדער חתונה געמאַכט גאָר יונג, כדי זיי צו דערוויטערן פון זינד. אין סוף פון 17-טן יאָרהונדערט איז דער חתן מייסטנס אַלט געווען 10—11 יאָר און די כלה איז געווען נאָך יינגער. יענע צייט איז אָבער געווען אַן אויסנאַם-צייט. דעמאָלט האָבן יידן גענומען האָפן אויף משיחן, און מחמת לויט אַ תלמודישער אגדה „וועט משיח בן־דוד קומען נישט פריער, ווי בעת ס'וועלן זיך אויסנעמען אַלע נשמות פון גוף״, האָבן זיך די עלטערן באַמיט אונטערצעאיילן דעמדאָזיקן גרויסן טאָג.

אַחוץ דידאָזיקע מאָראַלישע טעמים געפינען מיר אין די ספרים פון יענער עפּאָכע נאָך צוויי פּראַקטישערע טעמים, וואָס וואַרפן גלייכצייטיק אַ שיין אויף דער ביטערער לאַגע פון די יידן אין מיטלאַלטער. די בעלי-התוספות פון 12-טן יאָרהונדערט שרייבן: „און איצט זיינען מיר זיך נוהג מקדש צו זיין אונזערע טעכטער אַפילו קליינערהייט, מחמת דער גלות פאַרשטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג, און אויב עמיץ איז איצט אומשטאַנד צו געבן זיין טאָכטער נדן, איז מעגלעך, אַז אין אַ צייט אַרום וועט ער נישט קענען, און זיין טאָכטער וועט בלייבן זיצט ביזן גרויען צאָפּ״. און ר׳ פּרץ פון קארבייל פון 14-טן יאָרהונדערט גיט צו נאָך אַ טעם: „דאָס איז אַלץ אַמאָל, בעת ס'זיינען געווען גרויסע יידן-קבוצים אויף איין אָרט, אָבער איצט (נאָך די קרייצצוגן) זיינען מיר געבליבן אַ קליינע צאָל, און מיר זיינען זיך נוהג מקדש צו זיין אַפילו אַ קליינע, טאָמער וועט אונז אַן אַנדערער מקדים זיין.״

די לעבנסבאַדינגונגען פון יענער צייט האָבן אויך געשאַפן דעם „שדכן״, מחמת נאָכדעם ווי די יידישע קבוצים זיינען צעשפּרייט און צעזייט געוואָרן דורך די שחיטות און גירושים פון דער קרייצפאָרער-צייט האָט מען שוין געמוזט האָבן טיכטיקע און גע-ניטע מעקלערס, וועלכע זאָלן צוזאַמענפירן די פאַרטריבענע און

פּעשפּרייטע. תּחילת האָבן זיך פאַרנומען מיט שדכנות בלויז רבנים און גדולי-תּורה. דער מהריל מפּראג, למשל, האָט געלעבט פון שדכנות-געלט (זיין גאַנץ געהאַלט האָט ער אויסגעגעבן אויף זיינע תּלמידים) און האָט געשמט אין אַלע ריינישע פּראָווינצן אַלס ערלעכער און פּראַקטישער שדכן. און אין מיטלאַלטער, בעת די עלטערן האָבן זיך פיל מער געיאָגט נאָך לומדישקייט און יחוס, ווי נאָך געלט, האָבן אַזעלכע מענטשן טאַקע גוט געפּאַסט פאַר שדכנים. ערשט שפּעטער האָבן שוין מענטשן זיך גענומען צו דערדאָזיקער פּרנסה, טראַכטנדיק בלויז וועגן פאַרדינסט און נישט מער. צו דעם מין שדכנים האָבן געהערט די וואַנדער-הענדלער, וועלכע האָבן געהאַנדלט אויך מיט מענטשן, ווי מיט יעדן אַנ-דערן אַרטיקל און צונויפגעפּאָרט, ווי מען זאָגט, אַוואַנט מיט אַ וואַנט. דערפון זיינען, נאַטירלעך, אַרויסגעקומען גרויסע צרות, און נישט איינמאָל האָבן די צונויפגעפּאָרטע פּאָרלעך פאַרשאָלטן זייער לעבן צוזאַמען מיט די שדכנים.

ביי יידן פלעגן זיך פאַרנעמען מיט שדכנות בלויז מענער, בעת אין די מזרח-לענדער האָבן זיך דערמיט פאַרנומען בלויז פרויען. אין די יידישע ספרים ווערן דערמאָנט אויך אייניקע שדכנטעס.

די קריסטלעכע יונגעלייט אין מיטלאַלטער האָבן געפאַנגען די פרויען-הערצער דורך זייערע גבורות אויפן שלאַכטפעלד און די יידישע יונגעלייט האָבן זיי גענומען מיט זייערע פּלפּולדיקע חדושים אין לערנען. אַזעלכע יונגעלייט, וואָס האָבן געקאָנט באַ-ווייזן זייער חריפות און בקיאות אין לערנען, האָבן נישט גע-דאַרפט אָנקומען צו שדכנים. זיי האָבן לייכט געקראָגן כּלות פון די שענסטע און רייכסטע פאַמיליעס. די באַגעגענישן פון יונגע-לייט און מיידלעך אין יום-כּפּור און ט"ו באב, ווי ס'ווערט גע-שילדערט אין תּלמוד, האָבן לחלוטין סותר געווען די אָנ-שטענדיקייטס-באַגריפן פון מיטלאַלטער, און יונגעלייט האָבן דע-מאָלט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אָנצוקניפּן ליבע-באַציונגען אין ווייגגערטנער און אויף די טאַנץ-פּלעצער, ווי ס'איז געווען דער מנהג אין ארץ-ישראל בזמן הבית. אָנשטאָט די ווייגגערט-נער, זיינען אָבער געווען אַנדערע ערטער—די גרויסע ירידן, אויף

וועלכע ס׳פלעגן זיך צוזאַמענפאָרן יידישע סוחרים פון אַלע עקן מיט זייערע בחורימלעך און רביים. אין „יון מצולה“ ווערט אַזוי דערציילט וועגן דעם: „אויף יעדן יריד זיינען געווען הונדערטער ראשי־ישיבה, טויזנטער בחורים און צענדליקער טויזנטער יינגלעך, און ווער ס׳האָט געהאַט אַ זון אָדער אַ טאָכטער אויסצוגעבן, איז געפאָרן אויפן יריד, און דאָרט איז געשלאָסן געוואָרן אַ שידוך, ווייל יעדער האָט געפונען זיין גלייכן. אויף יעדן יריד זיינען געשלאָסן געוואָרן הונדערטער און טיילמאָל טויזנטער שדוכים. יידן, סיי די מאַנסלייט און סיי די ווייבער, זיינען געגאַנגען שיין געקליידט אויפן יריד, ווייל זיי זיינען געווען זייער אָנגענומען ביים מלכות און ביים פאָלק.“

ווייל דער יינגל האָט חתונה געהאַט צו צען, עלף יאָר, האָט ער, באַטירלעך, נישט געקאָנט זיך אַליין איינאָרדנען אַ הויז, און ער האָט געמוזט וואוינען מיט דער ווייב ביים שווער, וועלכער האָט אים געגעבן קעסט אייניקע יאָר. דאָסדאָזיקע סיסטעם האָט, באַטירלעך, נישט געהאַט קיין גוטע פאָלגן פאַרן יונגן פּאָרל, ווייל דער יונגערמאַן האָט צוליב דעם פאַרלאָרן די פעאיקייט צו מאַכן זיך אַ זעלבשטענדיק לעבן און זיך צוגעוויינט צו זיין אָפּהייינגיק פון אַנדערע. אַ זעלבשטענדיק לעבן איז אָבער דעמאָלט בכלל געווען זייער אַ שווערער ענין. אין 18-טן יאָרהונדערט האָבן די יידן אין צענטראַל-אייראָפּע געהאַט אויף זיך אַ גזרה, אַז בלויז דער עלטסטער זון פון אַ יידישער פאַמיליע מעג זיך איינאָרדנען אַ הויז פאַר זיך. די איבעריקע חתונה־געהאַטע קינדער מוזן וואוינען ביי זייערע עלטערן.

די פריצייטיקע חתונות האָבן, ווידער, געגעבן אַ גרויסע צאָל גטן. אויב די גרושה האָט נישט באַלד חתונה-געהאַט, האָט דער געוועזענער מאַן זי געשטיצט, לויטן דרש פון דער גמרא: „ומבשרך לא מתעלם—זו גרושתו“ (פון דיין אייגענער טאָרסטו זיך נישט פאַרהוילן—דאָס מיינט מען זיין גרושה). עפטערס פלעגן פאַרקומען די קידושין דורך אַ שליח, און אין אַזאַ פאַל זיינען אַלע חתונה-ענינים געשלאָסן געוואָרן בלויז דורך די עלטערן פונם פּאָרל. אין אַלע פוסקים איז דעמאָלט פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ

ספעציעלער נוסח פאַר אַזאַ מין קידושין.

דריי פעריאָדן זיינען געווען אין די יידישע חתונה-פאַרבינדונגען פאַר דער צייט פון תלמוד: די שידוכים, ד. ה. די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ חתונה-פאַרבינדונג צווישן חתן-און כלהס צד און זייער הסכמה דערויף אָן אַ שום פאָרמעלער באַשטעטיקונג. די אירושים, ד. ה. דאָס מקדש זיין די פרוי דורכן מאַנס-פערזאָן מיט עפּיס אַ ווערטזאַך, באופן, אַז זיי זיינען שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר מאַן און ווייב און זיך געקאָנט צושיידן נאָר דורך אַ גט. און די אמתע נשואים (חתונה-האָבן), ד. ה. ווען די פרוי איז איבערגעגאַנגען צום מאַן אין שטוב אין אַ יאָר אַרום נאָך די אירושים. אָבער אָנשטאָט די פאַרצייטיקע מינדלעכע אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געזעצלעכן ווערט, האָט מען אין מיטלאַלטער איינגעפירט די „תנאים", וואוביידע צדדים האָבן זיך מתחייב געווען זיך צו פאַרבונדן אין אַ באַשטימטער אָדער אומבאַשטימטער צייט, אונטער געוויסע באַדינגונגען. אויב איין צד וויל אָפּרופן די תנאים, מוז ער באַצאָלן דעם צווייטן צד אַ געוויסע סומע געלט אַלס קנס, און צוליבן דאָזיקן קנס איז דער תנאים-מאָלצייט אָנגערופן געוואָרן „קנס-מאָל". די אירושים האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטן טערמין: אין 10-טן און 11-טן יאָרהונדערט האָט מען געפייערט די תנאים און די אירושים צוזאַמען, און אין אייניקע ערטער האָט מען געפייערט די אירושים און חתונה צוזאַמען אין איין טאָג, נאָר אין פאַרשידענע שעהן, דורך צוויי מאָלצייטן. כדי איינצושפּאָרן די טאָפּעלע הוצאות, האָט מען ביסלעכווייז איינגעפירט בלויז איין מאָלצייט.

צווישן די תנאים און דער חתונה האָט געדויערט טיילמאָל מער ווי אַ יאָר, און פאַר דער חתונה זיינען חתן-כלה מחויב געווען זיך צו דערווייטערן פון איינאַנדער. טיילמאָל האָבן די חתנים געמוזט געבן אַ שריפטלעכע התחייבות „באלה ובשבועה" „נישט צו גיין אין הויז, וואו די כלה וואוינט, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, ביז דער חתונה, און אויב איך וועל עובר-זיין דערויף, דאַרף איך באַשטראָפט ווערן דורך אַלערליי שטראָפן און קנסות, חרפות און

בזיונות, אָן שום אויסדרייען זיך." (פון קהלשן פנקס אין לעמ־בערג פון יאָר תקל"ו

אין משך פון אַ דער לאַנגער צייט האָבן חתן־כלה געשיקט מתּנות איינאַנדער אויף די ימים־טובים, און אויך צו דער חתונה האָבן זיי באַקומען אַ סך מתּנות. צווישן די מתּנות זיינען געווען סדורים און הגדות אין פּראַכט־איינבאַנדן. די כלה האָט תּיכף נאָך די תּנאים באַקומען גאַרטעלאַך און צירונג.

אין דייטשלאַנד האָט דער כלהס פאָטער געגעבן דעם חתן אַ גאָלדן פינגערל נאָך פאַר דער חתונה, בעת די כלה האָט באַקו־מען איר קידושין־פינגערל ערשט אין טאָג פון דער חתונה אינ־דערפרי. אין גריכנלאַנד און טערקיי פלעגט מען געבן דער כלה אַ פינגערל תּיכף נאָכן תּנאים־שרייבן, און דאָס איז געשען מיט גרויס פּאַראַד: די חשובע שטאָט־באַלעבאַטים זיינען געקומען צו דער כלה אין דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן עולם און איר אי־בערגעגעבן דאָס פינגערל.

אין די מוזייען פון יידישע אַנטיקן זיינען פאַראַן קונסטפולע חתונה־פינגערלעך. זיי זיינען על־פּי־רוב זייער גרויס, מיט אויס־געקריצטע בילדלעך. די גרויס פון דעם פינגערל און די פאַר־צירונגען באַווייזן, אַז ס'איז נישט געמאַכט געוואָרן צו טראָגן אויפן פינגער, און ווי מען איז זיך משער, האָט מען דערמיט צו־זאַמענגעבונדן די הדסים פון לולב.

די אמתע קידושין־פינגערלעך זיינען אָן שטיינער, מחמת על־פּי־דין טאָר מען נישט מקדש זיין מיט אַ זאַך, וואָס ס'איז שווער צו וויסן זיין ריכטיקן ווערט. אין דער גמרא ווערט נישט דער־מאָנט וועגן אַ קידושין־פינגערל און ערשט אין 7־טן אָדער אין 8־טן יאָרהונדערט איז עס אָנגענומען געוואָרן אַלס רעליגיעזער מנהג. יידן האָבן, וואַרשיינלעך, איבערגענומען דעמדאָזיקן מנהג פון די רוימער.

נאָך אַנדערע חתונה־מנהגים האָבן יידן איבערגענומען פון די רוי־מער, און איינער פון זיי איז דער איסור צו מאַכן חתונות צווישן פּסח און שבועות (ספירה־צייט). אין 8־טן יאָרהונדערט האָבן די חכמי־ישראל אַליין נישט געוואוסט דעם מקור פון דעמדאָזיקן

מנהג און האָבן אים דערקלערט מיטן טרויער נאָך ר׳ עקיבא׳ס תלמידים, וואָס זיינען געשטאָרבן אין דערדאָזיקער צייט פון אַ מגפה, ס׳איז אָבער כמעט ווי זיכער, אַז יידן האָבן דאָ נאָכגע־טאָן די רוימער, וואָס האָבן געהאַלטן פון דעם איינרייידעניש, אַז מען טאָר נישט חתונה־האָבן אין חודש מאַי. פון די רוימער שטאַמט אויך דער פאַרשפרייטער מנהג צו מאַכן די חתונה אָנ־הויב חודש אָדער אין האַלבן חודש. אַזאַ מנהג איז פאַראַן אויך ביי די אַלטע אינדוסן אין 11-טן יאָרהונדערט געפינען מיר ווידער, אַז דער בישאָף ריכאַרד פון וואָרמס האָט באַ־שטראָפט די־יעניקע קריסטן, וואָס האָבן נאָר ראש־חודש געמאַכט זייערע חתונות אָדער גענומען בויען זייערע הייזער.

די חתונה־מנהגים.

פרייטאָג איז געווען אין מיטלאַלטער דער בעסטער טאָג פאַר חתונות. אויך איז מיטוואָך געווען אַ טאָג פאַר חתונות פון בתולות, און דאָנערשטאָג—פון אלמנות. אָבער פרייטאָג האָט איבערגעוואויגן אַלע טעג, מחמת ער איז געווען דער נעענטסטער צו שבת, בעת דער חתן איז עולה לתורה געווען אין שול. די חתונה מיט אירע פריילעכע געזאַנגען און טענץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין יום-טוב, באַשיינט און באַקריינט מיט ערנסטע און רעליגיעזע מנהגים. דער טאָג פון דער חתונה איז געווען פאַר חתן-כלה אַ טאָג פון תענית און תשובה. בעת מען האָט מסדר קידושין געווען, האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דעם חתנס קאָפּ אַש פאַר אַ סימן פון טרויער. חתן-כלה האָבן אויך אָנגעטאָן ספּעציעלע מלבושים: ער—אַ קיטל און זי—אַ סאַרגן ווייס קלייד פאַר אַ סימן פון אבלות. דאָס צעברעכן אַ כוס אונטער דער חופּה דינט אויך פאַר אַ זכר לחורבן.

אויף יידישע חתונות האָט מען זיך שטאַרק משמח געווען און געהוליעט. משמח זיין חתן-כלה איז געווען פון די גרעסטע מצוות, אָבער צו דער פריילעכקייט איז תמיד צוגעמישט געוואָרן אַ טרויער געפיל, כדי נישט צו פאַרהוליען זיך צופיל און נישט צו פאַרגעסן וואו מען איז אין דער וועלט. אַ צייכן פון טרויער אויף אַ שמחה געפינען מיר אויך אין דער גמרא, אינם געזאַנג פון ר' המנונא זוטא אויף חתונות: „ווי לן דמיתנן! ווי לן דמיתנן! אי תורה והי מצוה דמגנו עלן?‟ (וויי אונז, מיר שטאַרבן! וויי

אונז, מיר שטאַרבן! וואו איז תורה און מצוות וואָס זאָלן אונז באַשיצן?"). אין די יידישע חתונה-געזאַנגען געפינען מיר אַפילו עפּטער אַ טרויעריקן טאָן, אָבער אין די חתונה-לידער פון ר׳ יהודה הלוי ווערן אָן אויפהער דערמאָנט ציון און ירושלים, הגם אין די שפּעטערע חתונה-לידער געפינען מיר עס שוין נישט.

חתונה-לידער זיינען געווען צווייערליי: געבעטן אין לידער פאַר חתן-כלה, צו זאָגן זיי אין שול דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה, וואָס זיינען פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַ טייל פון די תפלות, און לידער, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון פאַרשידענע פּאָעטן — פון ר׳ יהודה הלוי אָן און ווייטער לכבוד זייערע פּערזענלעכע פריינט, און זיי זיינען געזונגען געוואָרן אין חתנס שטוב. אויך מוסר-לידער און אַמאָל גאַנצע דראַמאַטישע ווערק זיינען פאַר-פאַסט געוואָרן צו די חתונות.

דאָס פירן חתן-כלה איבער די גאַסן מיט גרויס פּאַראַד איז געווען פאַרשידן לויט די ערטער און צייטן. אין שפּאַניען זיינען זיי געפירט געוואָרן אין דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן עולם, וואָס האָט געריטן אויף פערד און זיך געשפּילט אין שפּיז-וואַרפן. אין מצרים האָט די כלה געטראָגן אויפן קאָפּ אַ מיליטערישן היטל מיט אַ שווערד אין דער האַנט און זי האָט געטאַנצט אין דער ערשטער שורה פון דער פּראָצעסיע. דער חתן מיט זיינע פריינט האָבן זיך באַטייליקט אין די טענץ, אָנגעטאָן אין פרויען-קליידער און די פינגער באַפאַרבט מיט רויטער פאַרב. אין די מזרח-לענדער האָט מען געטראָגן פאַר דער פּראָצעסיע גרויסע פאַקלען, און אין באַגדאַד האָט זיך די פּראָצעסיע געמוזט עפּ-טער אָפּשטעלן, מחמת די שטאָט-איינוואוינער האָבן געבראַכט פון אַלע זייטן לעבעדיקע שעפּסן און זיי אָוועקגעלייגט אויף דער ערד דעם חתן צו די פיס און ער האָט אַרויפגעטרעטן אויף זיי, בעת דער אַרומיקער עולם האָט אויסגערופן: קרבן! אין דער צייט פון תלמוד האָבן חתן-כלה אויף דער פּראָצעסיע געטראָגן קרענץ פון מירטן און איילבירטן אָדער גאָלדענע פיין אויסגע-אַרבעטע קרוינען. טיילמאָל האָבן די חכמים און זייערע תלמידים זיך עוסק געווען אין פלעכטן די קרענץ, כדי צו ווייזן ווי גרויס

ביי זיי איז די מצוה פון חתונה-האָבן. אָבער נאָכן חורבן האָט מען אָפּגעשאַפט די קרענץ. אין מיטלאַלטער זיינען מירטן-קרענץ ווידער איינגעפירט געוואָרן אַלס שטענדיקער חתונה-מנהג, אָבער צוליב דעם זכר לחורבן האָט מען זיי נישט געטאָרט באַפּוצן מיט גאָלד-אָדער זילבער-צירונג.

אויסער די חתונה-לידער, האָט מען אויף חתונות געזונגען פאַרשידענע סאַטירישע און וויציקע לידער, כדי משמח צו זיין חתן-כלה. אין 17-טן יאָרהונדערט זיינען אויך געגעבן געוואָרן פאַרשטעלונגען אויף חתונות. ס'זיינען געווען דערצו ספּעציעלע בדחנים, וועלכע האָבן געקיצלט דעם עולם מיט שאַרפע וויצן אויפן חשבון פון די חתונה-געסט אָדער מחותנים.

די גאַנצע חתונה-וואָך (שבעת ימי המשתה) האָבן כלי-זמר געשפּילט און אויף שבת האָט מען געדונגען גויעשע כלי-זמר צום שפּילן. שבת איז געווייגלעך אויסגעקומען צומאָרגנס נאָך דער חופּה, און דער עולם האָט זיך נישט געוואָלט באַגיין אָן מוזיק. אין אַ געווינלעכן טאָג אָבער האָבן געשפּילט בלויז יידישע כלי-זמר. די געטאָ-כלי-זמר האָבן געשמט פאַר גרויסע מנגנים, אַזוי, אַז עפּטערס האָבן זיי געשפּילט אויף קריסטלעכע שמחות און פייערונגען.

דעם רבס דרשה האָט אויך פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אויף די חתונות. תחילת פלעגט זי געזאָגט ווערן נישט בעת דער חופּה, נאָר בעתן מאָלצייט, אָבער אַ סך זיינען שפּעטער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, אַז מען זאָל צוזאַמענמישן אַ שמחה מיט אַ פּלפּולדיקער דרשה, אויפן מיטלאַלטערלעכן שטייגער, און דאָס האָט, קענטיק, געבראַכט דערצו, אַז די רבנים זאָלן איבערטראָגן די דרשה אין שול אריין. דער חתן האָט אויך געהאַלטן אַ דרשה ביים טיש, און ווען ער האָט זי געענדיקט, האָבן אים די קרובים און געסט געשיינקט מתנות, וועלכע האָבן צוליב דעם געהייסן „דרשה-געשאַנק".

אין 10-טן יאָרהונדערט זיינען די קידושין פאָרגעקומען ביים חתן אין שטוב אָדער אין שול. אין פיל ערטער האָט מען עס ליבער געמאַכט אויפן שול-הויף, ווייל אין שטוב איז געווען צו

וויניק פלאַץ פאַר אַ סך געסט. די באַדייטונג פון וואָרט „חופה" איז אויך געענדערט געוואָרן לויט דער צייט. אין די מזרח-לענדער האָט „חופה" געהייסן אַ באַזונדער חדר, וואו חתן-כלה האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען נאָך די קידושין, און אין 14-טן יאָר-הונדערט איז אין אייראָפּע די חופה געוואָרן אַ סימבאָל — אַן אויסגעשפּרייטע טוך איבערן קאָפּ פון חתן-כלה אַלס צייכן פון זייער באַהעפטונג.

אַ ריכטיק בילד פון אַ חתונה-צערעמאָניע אין מאַינץ, אין 14-טן יאָרהונדערט, גיט אונז אַ תלמיד פון באַקאַנטן גאון מהרי איסרלין:

דאָנערשטאָג, פאַר דער חתונה, איז געווען אַ מאָלצייט ביי דער כלה. זומערצייט — נאָך מיטאָג, פאַר מנחה, און ווינטערצייט — נאָך מעריב. דעמאָלט האָט דער רב צוזאַמען מיט די חשובים פון שטאָט געבראַכט דער כלה די סבלונות", אָדער מתנות פון חתן, מיט די ווערטער: „שיינע און פרומע כלה, דער חתן שיקט דיר דורך מיר מתנות, וואָס וועלן זיין דיין אייגנטום אויף לאַנגע יאָרן נאָך דער חתונה".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט די כלה פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און נישט גענומען די מתנות, נאָר געהייסן איינער פון די פרויען צונעמען זיי אין איר נאָמען. די מתנות זיינען באַשטאַנען, ווי דער מנהג איז געווען ביי די קריסטן אין מיטלאַלטער, פון אַ באַגולטן גאַרטעלע, אַ שלייער און צירונג. פרייטאָג, אין טאָג פון דער חתונה, איז געווען אַ „פאָרשפּיל", אַן אַרט התחלה צו דער גאַנצער פייערונג, לכבוד די מחותנים, וואו מען האָט געטיילט אַלע געסט ווין און פרוכטן און באַזונדערס ניס.

פרייטאָג אינדערפרי, בעת דער שמש האָט גערופן דעם עולם אין שול אַריין, האָט ער זיי אויך פאַרבעטן צו דער מיין-פייערונג*) אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט אַלע געמיינדע-

---

*) אַ פייערונג', וואָס גייט אָן ביז היינט אין דרום-דייטשלאַנד, און הייסט דאָרט „מאַנפירן" אָדער „מאַיענפירן".

מיטגלידער*). דער רב מיט די נכבדים פון שטאָט האָבן געפירט דעם חתן אויפן שולהויף. פאַר זיי האָט מען געטראָגן געפלאָכטענע הבדלות און כלי-זמר האָבן געשפּילט אויף פאַרשידענע כלים, און נאָך זיי זיינען געגאַנגען די געמיינדע-מיטגלידער. דערנאָך האָט מען אויף דעמזעלבן שטייגער געבראַכט די כלה, און בעת די כלה איז אָנגעקומען אויפן שולהויף, האָט דער רב, דער חתן און די נכבדים זי מקבל-פנים געווען. דער חתן האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, און בעת זיי זיינען אַזוי געשטאַנען געשלאָסן מיט די הענט, האָט דער עולם געוואָרפן אויף זיי ווייץ-קערנדלעך, מיט דידאָזיקע ווערטער: „חלב חטים ישביעך״.

דערנאָך זיינען חתן-כלה צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שול, וואו זיי האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט מען געפירט די כלה אַהיים אין אַ זיידענעם געשטיקטן מאַנטל, דעם אַזוי-גערופענעם „קערזאָן״, און איבער אים אַ ווייס העמד—דעם „סאַרגענעס״ צו דערמאָנען אָן טויט. איר פנים האָט מען באַדעקט מיט אַ שלייער. דעם אויסגעפּוצטן חתן האָט מען אָנגעטאָן אויפן קאָפּ דאָס „קלאָגקאַפּל״ פאַר אַ זכר לחורבן. מען האָט אים אַריינגעפירט אין שול, געשטעלט ביי דעם ארון-קדש און אָנגעהויבן דאַווענען שחרית. אונטער דער צייט האָט מען דער כלה געפלאָכטן די האָר און זי אויסגעפּוצט צו דער חופה, און די געסט און קרובהטעס האָבן איר געשיינקט פינגערלעך און אָרעמבאַנדן. און דאַן האָט מען זי צוריקגעפירט צו דער טיר פון שול, וואוהין דער רב און דער חתן און די פני-העיר זיינען אַרויסגעקומען און אַרויפגעפירט חתן-כלה אויף דער בימה אינמיטן שול, וואו מען האָט מסדר קידושין געווען. דער רב האָט

*) די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט איז געווען זייער ווייניק אין מיטלאַלטער. אין פראַג, למשל, איינע פון די גרעסטע יידישע קהלות, זיינען געווען אין יאָר 1546 בס״ה 976 נפשות; אין מאַינץ זיינען געווען אין סוף פון 13-טן יאָרהונדערט בלויז 54 נפשות, דערפאַר זיינען די יידן געווען צעשפּרייט איבער אַלע שטעט און דערפער און אומעטום געוואוינט אין גאָר אַ קליינער צאָל.

געלייגט אש אויפן חתנס קאָפּ דאָרט, וואו מען לייגט תפילין, און אָנגעמענדיק די כלה ביים קלייד, זי אַוועקגעשטעלט ביי דער רעכטער זייט פון חתן. דאָס פּאָרל איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דרום-זייט, אַרומגערינגלט פון די מחותנים און מחותנתס-טעס. דאַן האָט מען די פליגלען פון קלאָגהיטל אַרויפגעלייגט אויף דער כלהס קאָפּ, דער חתן האָט מקדש געווען די כלה און דער רב האָט געזאָגט די ברכות, געווענדט מיטן פּנים צו מזרח-זייט. בעת ער האָט געהאַלטן ביי די ווערטער: „שמח ונשמח רעים אהובים", האָט ער זיך געווענדט מיטן פּנים צו דער חתן-כלה.

געענדיקט די ברכות, האָט ער חתן-כלה געגעבן צו טרינקען פון כוס, נאָכדעם האָט ער אים איבערגעגעבן דעם חתן, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו דער צפון-זייט און צעבראָכן דעם כוס אָן דער וואַנט.

דער עולם האָט אָפּגעגעבן מזל-טוב און דאַן האָט מען אָפּגעפירט מיט מוזיק דעם חתן אין קהלשן חתונה-זאַל (בית-הקהל), וואוהין מען האָט אויך באַלד אַריינגעפירט די כלה, און ביידן אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער, וואו זיי האָבן באַקומען צו עסן אייער און הון. דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט צום חתונה-מאָלצייט צוזאַמען מיט אַלע געסט. אַ גאַנצע וואָך נאָך די קידושין האָט מען יעדן טאָג געמאַכט אַ מאָלצייט מיט וויין און געזאַנגען און געבענטשט שבע ברכות נאָכן מאָלצייט.

פרייטאָגצונאַכטס איז דאָס פּאָר נישט געגאַנגען דאַוונען אין שול, נאָר יונגעלייט, דעם חתנס חברים, זיינען געקומען צו אים דאַוו-נען אין מנין. שבת ביי שחרות נאָך פּסוקי-דזמרה זיינען די פּני-העיר געגאַנגען ברענגען דעם חתן אין שול אַריין, אַנידערגעזעצט אים נעבן ארון-קדש און באַלד זיינען אויך געקומען די „שושבינים" (אונטערפירערס) און געזאָגט ספּעציעלע תפלות און פיוטים לכבוד חתן-כלה און די מחותנים.

אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער איז ביי יידן די חתונה, די פאַרבינדונג פון צוויי מענטשן, פאַרהייליקט געוואָרן, ווי אַ הויכער אידעאַל. די יידישע מאָראַליסטן פון מיטלאַלטער זאָגן

אַלע איינשטימיק, אַז געמענדיק אַ פרוי, דאַרף מען זוכן נישט רייכקייט, נאָר גוטסקייט און איידלקייט. דער ספר חסידים זאָגט, אַז בעת מען איז זיך מתחתן מיט אַ פאַמיליע, דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם גוטן כאַראַקטער פון די עלטערן און אויף זייער גוטע און ערלעכע אויפפירונג, מחמת פון אַזעלכע עלטערן קומען אַרויס פיינע קינדער.

צווישן די תלמודישע יידן גופא זיינען צייטנווייז אַנטשטאַנען שוועריקייטן אין שידוכים. אין רוים, למשל, האָט קהל אין יאָר 1705 מתקן געווען, אַז מען זאָל זיך נישט משדך זיין מיט מענטשן, וואָס קומען פון פרעמדע לענדער און מען ווייס נישט זייער סדר-היחוס, אָן דער הסכמה פון רב און ראשי-הקהל. אַזעלכע פרעמדע זיינען ביי די מיטלאַלטערלעכע גירושים און רדיפות גע-ווען זייער אַ סך. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז די אַרויס-געטריבענע ספרדים זיינען מרוצה געוואָרן זיך משדך צו זיין מיט די אשכנזים. אַלנפאַלס האָט „יחוס" געשפּילט די גרעסטע ראָלע ביי יידן אין אַלע צייטן.

יידישע עסקים און מסחר.

אין יאָר 1165 האָט אַ ייד אַ סוחר, ר׳ בנימין פון טאָלע־דאָ (שפּאַניען), פאַרלאָזט זיין חיים־שטאָט, און געמאַכט אַ ווייטע נסיעה איבער דער וועלט. אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט, האָט ער באַשריבן אין זיין „ספר־מסעות״ (רייזע־באַשרייבונג). זיין מאַרשרוט איז געווען סאַראַגאָסאַ, קאַטאַלאָניע, דרום־פראַנקרייך, איטאַליע, גריכנלאַנד, אינזלען ראָדאָס, קפּריסין, סיריע, אַראַביע, פּערסיע. צוריקוועגס איז ער דורכגעפאָרן דעם אינדישן אָקעאַן און די ברעגעס פון תּמן (יעמען), מצרים און סיציליע און צוריקגעקומען קיין שפּאַניע.

וואַנדערנדיק אין משך פון 14 יאָר איבער פאַרשידענע לענדער, באַשרייבט ער דעם מצב פון האַנדל אין יעדן אָרט, וואָס ער האָט באַזוכט, אַזוי אַז זיין בוך ליפערט אונז דעם עלטסטן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון האַנדל אין אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע אין 12-טן יאָרהונדערט. אַ דאַנק זיין ברייטן בליק אויף וועלט־זאַכן, האָט ר׳ בנימין געהאַלטן פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויפן גאַנצן לעבנסשטייגער פון די פעלקער, וואָס ער האָט באַזוכט אויף זיין נסיעה. ער האָט באַשריבן אין זיין ספר אַלע לענדער מיט זייער באַפעלקערונג, די פרעמדע פייערונגען און מנהגים, די שמועסן פון די קעניגלעכע הויפן און די אַבערגלויבעריי פונם המון. אין קיין אָרט, וואו ער קומט, פאַרגעסט ער נישט צו דערציילן וועגן די דאָרטיקע יידן, זייער צאָל, לעבנסשטייגער, געשעפטן און לערנאַנשטאַלטן. דער גרעסטער

טייל פון זיין ספר איז אָבער געווידמעט די אַלגעמיינע וועלט-לעכע ענינים.

אַזוינע יידן, ווי ר׳ בנימין פון טאָלעדאָ זיינען אין יענע צייטן געווען אַ סך. די יידישע סוחרים, פילנדיק דעם צוזאַמענבונד צווישן זיך און אַלע יידן, וואָס זיינען געווען צושפּרייט און צו-זייט איבער דער וועלט, און זוכנדיק נייע מערק פאַר זייערע סחורות, האָבן זיי בעסער ווי אַנדערע פאַרשטאַנען די צייט און די וועלט און זיינען געווען ווייטזיכטיקער און טיכטיקער ווי זייערע צייט-חברים. אין 12-טן יאָרהונדערט איז מאָנפּעליע (פראַנקרייך) געווען אַ צענטער פאַרן האַנדל צווישן איטאַליע און די מזרח-לענדער, און אַהין זיינען געקומען סוחרים פון פאַרשי-דענע לענדער: פון פּאָרטוגאַל, רוימישער אימפּעריע, מצרים, פּאַלעסטינאַ, גריכנלאַנד, שפּאַניע און איינגלאַנד. דאָרט איז גע-ווען אַ רייכע יידישע קהילה מיט אַ גרויסער ישיבה. דאָסזעלבע איז אויך געווען אין מאַרסעל און אַלע אַנדערע פּאָרטן פון מיטללענדישן ים און אויך אין די אינערלעכע אייראָפּייאישע האַנדלספּונקטן, ווי רעגענסבורג אין דייטשלאַנד און נאַר-באָנאַ אין פראַנקרייך.

אין יעדן אָרט איז געווען אַ גרויסער קיבוץ פון יידישע סוחרים, די איינציקע סוחרים אין יענער צייט, וואָס האָבן מיט זייער אונטערנעמונגסגייסט און פלייס אין משך פון פיל דורות שטאַרק מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון מסחר צווישן פאַרשידענע פעלקער. בלויז די יידן האָט מען צו פאַרדאַנקען, וואָס פאַרשי-דענע סחורות פון די מזרח-לענדער זיינען איינגעפירט געוואָרן אין אייראָפּע. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט פון אַזיע נישט בלויז קאַווע און טאַבאַק, נאָר אויך צוקער. דער ערשטער, וואָס האָט פאַרפלאַנצט דעם צוקערראָר אין בראַזיליע, איז געווען אַ פּאָר-טוגעזישער ייד. די יידן האָבן אויך צוערשט איינגעפירט אין די אייראָפּייאישע לענדער פאַרשידענע געווירצן און קאָלאָניאַל-סחורות.

דער יידישער האַנדלסגייסט האָט געבראַכט נוצן דער מענטשהייט אויף אַלע געביטן און אַריינגעטראָגן ליכט און קולטור אויך אין

זייערע אייגענע געמיינדעס. אין די דערציילונגען פון די מיטל־עלטערלעכע רייזנדער זיינען פאראן פיל נוצלעכע ידיעות בנוגע דער געשיכטע פון יענער צייט, און די וואנדערנדיקע רבנים און געלערנטע האבן נאך פיל מער נוצן געבראכט אויף דעמדאזיקן געביט. אמת, נישט אלע חכמים האבן אזויפיל ארומגעוואנדערט, ווי דער פילאזאף און פאעט ר׳ א ב ר ה ם א ב ן ע ז ר א, וועלכער האט באריזט אלע אייראפייאישע לענדער און אומעטום, וואו ער איז געקומען, האט ער איבערגעלאזט וויסנשאפטלעכע חיבורים. דאס איז א פאקט, אז אין מיטלאלטער איז זעלטן־ווען געשטארבן א יידישער געלערנטער אין זיין היימלאנד.

ביז ס׳זיינען אנטשטאנען די איטאליענישע רעפובליקן, וואס זיינען געווען געבוירט און זיך געהאלטן אויפן אינטערנאציאנאלן מסחר, זיינען די יידן געווען די איינציקע גרויסע סוחרים. זיי האבן אנגעפירט מיטן וועלט־האנדל און זיינען געווען די פארמיטלער צווישן פארשידענע לענדער. אויסערדעם האבן זיי זיך אויסגעצייכנט אויך אין קליינהאנדל, די יידישע סוחרים זיינען געווען שטענדיקע באזוכער פון די ירידים אין אינערלעכע מערק.

ר׳ בנימין פון טאלעדא שילדערט אונז נישט בלויז דעם יידישן גרויס־און קליין־האנדל, נאר אויך די מלאכות און אינדוסטריעס, מיט וועלכע יידן האבן זיך באשעפטיקט אין יענער צייט. ער דערציילט אונז וועגן די יידישע פרנסות אין די גרעסערע מקומות, וואו די גויעשע האנדווערקער־צעכן האבן זיי נישט געלאזט זיך פארנעמען מיט מלאכה און אין קלענערע מקומות, וואו יידן האבן יא געקאנט זיין בעלי־מלאכות. ער פירט אונז אויך אריין אין יענע ערטער, וואו ס׳האבן עקזיסטירט דעמאלט גאר קליינע געמיינדעס אדער געלעבט איינצלנע פאמיליעס, וואס האבן זיך פארנומען מיט מלאכה. אין די שפעטערדיקע יארהונדערטער טרעפט מען זעלטן אזעלכע פאלן. דערפון לאזט זיך דרינגען, אז ס׳איז נישט ריכטיק, אז יידן האבן כלומרשט אן אנגעבוירענע טבע זיך צו קאנצענטרירן דוקא אין די גרויסע שטעט, און אז דאס איז גאר א פועל־יוצא פון לעבנסבאדינגונגען אין אייראפע, וואו די גרויסע

שטעט וואַקסן בכלל אָן אויפהער אויפן חשבון פון דער פּראָווינץ.

נישט-געקוקט אויף די פאַרשידענע געזעצן, וואָס זיינען געווע[illegible] געצילט צו דערווייטערן יידן פון מלאכות און האַנטאַרבעט, האָב[illegible] יידן ביזן 13-טן יאָרהונדערט דאָך נישט אויפגעהערט זיך צ[illegible] פאַרנעמען מיט דיזעלבע מלאכות פון זייערע נישט-יידישע שכנים. די פאַרבעריי-מלאכה האָט באַזונדערס געבליט ביי יידן. ר׳ בנימין פון טאָלעדאָ דערציילט, אַז אין פיל ערטער אין אַזיע זיינען יידן געווען די בעסטע פאַרבער. אויך אין דרום-אייראָפּע האָט אַ געווויסער שטייער געהייסן „יידישער שטייער״, ווייל מען האָט אים גענומען פון גאַרן, וואָס זיינען געפאַרבט געוואָרן פון יידן. בעת ר׳ פתחיה דער רייזנדער און ר׳ בן־ משה (רמב״ן) האָבן באַזוכט ירושלים, זיינען די ווייניקע יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, געווען פאַרבערס.

אין סיציליע איז אַ גרויסער טייל פון דער זיידנשפּינעריי געלעגן ביי יידן אין די הענט. דאָס זייד האָבן זיי נאָכדעם אַוועקגעפירט קיין איטאַליע און פראַנקרייך. די איטאַליענישע סוחרים האָבן זיך צוגעקוקט מיט גרויס קנאה צו דער יידישער בליענדיקער זיידנשפּינעריי און זיי האָבן נישט גערוט, ביז זיי האָבן פאַרטריבן די יידן פון איטאַליענישן דרום-ברעג און די אַרומיקע אינזלען.

יער באַליבט ביי יידן זיינען געווען אַזעלכע מלאכות, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין אַ קינסטלערישן חוש. באַלד ווי די שפּילקאָרטן זיינען געפונען געוואָרן, האָבן פיל יידן אין די ריין-געגנטן זיך פאַרנומען מיטן אויסמאָלן די קאָרטן. די פּראַכט-בוכבינדעריי און דאָס אילוסטרירן און פאַרצירן מאַנוסקריפּטן זיינען אויך פאַרפולקומט געוואָרן דורך יידן. די יידישע אילוסטרירטע מאַנוסקריפּטן צייכנען זיך אויס מיט זייער שריפט און בילדער. די יידישע פאַרצירונגען און וויניעטן פון די אַלטע מאַנוסקריפּטן זיינען על-פּי-רוב זייער אייגנאַרטיק און שיין. יידן האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אַלס גאָלדשטיקער, גאָלדשמידן, און זייער

סיסטעם צו לייטערן מעטאַלן איז געווען אומעטום באַקאַנט אין
מיטלאַלטער.

אין 15-טן יאָרהונדערט האָבן יידן מיט גרויס התלהבות זיך אַ
וואָרף געטאָן צו בוכדרוקעריי, וואָס איז דעמאָלט דערפונדן גע-
וואָרן. אין די ערשטע געדרוקטע יידישע ספרים געפינען זיך שטאַר-
קע שבחים פאַר דער נייער דערפינדונג. דער יידישער זעצער
און דרוקער איז נישט געווען גלאַט אַ בעל־מלאכה, נאָר אַן עובד
במלאכת הקדש" (אַן אַרבעטער אין דער הייליקער מלאכה). אין
35 יאָר אַרום נאָך דער בוכדרוקעריי-דערפינדונג זיינען שוין גע-
ווען אַ סך יידישע דרוקן, און דער ערשטער יידישער דרוק איז
געעפנט געוואָרן אין איטאַליע. פון דאָרט האָט די יידישע בוכ-
דרוקעריי זיך פאַרשפּרייט קיין שפּאַניע, וואו זי האָט לאַנג נישט
אָנגעהאַלטן צוליבן גרוש. אין 15-טן יאָרהונדערט האָט די בוכ-
דרוקעריי דערגרייכט צו די יידן אין טערקיי און אַנדערע מזרח-
לענדער און איז דערנאָך געבראַכט געוואָרן קיין דייטשלאַנד,
האָלאַנד און די סלאַווישע לענדער. דער פאָרמאַט פון די עלט-
סטע יידישע געדרוקטע ספרים איז געווען אַ האַלבער אָדער פערטל
בויגן, און דאָס פּאַפּיר—דיק, געלבלעך, טיילמאָל בלוילעך און
רויטלעך. פיל פון די געדרוקטע ספרים האָבן געהאַט אַזאַ רייץ,
ווי די שענסטע כתבי-יד. בכלל קענען די היינטיקע יידישע אויס-
גאַבן נישט קאָנקורירן מיט דער שיינקייט און זעלטענער אַרבעט
פון די ערשטע געדרוקטע יידישע ספרים. יידישע פרויען האָבן
זיך אויך פאַרנומען מיט בוכדרוקעריי אַלס זעצערקעס.

די יידן פון אַלע לענדער, באַזונדערס די שפּאַנישע, האָבן גע-
פירט אַ ברייט פאַרצווייגטן האַנדל מיט וואָל און וואָלשטאָפן,
וועלכע זיינען געווען די הויפּטאַרטיקלען פון דער איינגלישער
פאַבריקאַציע. די יידן אין רוים האָבן אויך זיך פאַרנומען מיטן
האַנדל פון וואָלשטאָפן, אָבער מיט דער וועבעריי פון וואָל האָבן
זיך עוסק געווען בלויז די שפּאַנישע יידן, ווייל אין אַנדערע
לענדער האָט מען געמאַכט יידן שוועריקייטן און זיי נישט צו-
געלאָזט צו דערדאָזיקער מלאכה. די יידן גופא האָבן אויך נישט
געהאַט קיין גרויס חשק דערצו, מחמת זיי האָבן געהאַלטן די

װעבעריי פֿאַר אַ געמיינער מלאכה. דערפֿאַר האָבן יידן געהאַט גרויס חשק צו שניידעריי. און מיט דער צייט איז שניידעריי געוואָרן איינע פֿון די אָנגענומענסטע מלאכות ביי יידן. זומער־צייט האָט מען געטראָפֿן הונדערטער יידן, מענער און פֿרויען, זיצנדיק פֿאַר זייערע הייזלעך אַריינגעטאָן אין דערדאָזיקער מלאכה.

אָנפֿאַנגס פֿון 18־טן יאָרהונדערט זיינען דריי פֿערטל יידן אין רוים געווען שניידער. נישט תמיד אָבער האָבן יידן זיך געקאָנט פֿריי פֿאַרנעמען מיט דערדאָזיקער אַרבעט. ס׳זיינען געווען צייטן, ווען זיי איז בשום אופֿן נישט דערלויבט געוואָרן צו האַלטן איינעם אָדער צוויי שניידערס יידן, וועלכע זאָלן זיי נייען די מלבושים אָן שעטנז. אויך בעקערס און וויינער האָבן יידן געמוזט האָבן אייגענע, מען זאָל מעגן עסן זייער געבעקס און טרינקען זייער וויין. אַלס וויינער האָבן זיי זיך אַזוי אויסגעצייכנט, אַז זיי האָבן געליפֿערט וויין פֿאַר די קירכעס. יידישע שניידער ווידער האָבן גענייט די גלחישע קליידער פֿאַר די בישאָפֿן אין רוים.

אין סיציליע האָט שטאַרק געבליט די מעטאַל־אינדוסטריע און יידן האָבן גענומען גרויס אָנטייל אין איר, מחמת זיי זיינען געווען באַהאַוונט אין כעמיע. אַ סך יידן זיינען אויך געווען מעטאַלגרעבער און פֿאַר דער קעניגין עליזאַוועט האָבן זיי איינגעפֿירט אין ענגלאַנד דאָס בעסטע סיסטעם פֿון קופּערגיסעריי.

די מעכטיקע האַנדווערקער־צעכן אין מיטלאַלטער האָבן אָבער אָנגעטאָן יידן כלערליי נגישות, אַז זיי זאָלן אַוועקוואַרפֿן אַלע דאָזיקע מלאכות. נאָך די קרייצצוגן האָט מען כסדר צוגענומען ביי יידן דאָס רעכט זיך צו פֿאַרנעמען מיט אַרבעט אָדער מסחר און מען האָט זיי איבערגעלאָזט בלויז איינאייציקע פּרנסה — דאָס פּראָצענט־געשעפֿט.

אָפּרייסן מיטאַמאָל אַלע יידן פֿון אַרבעט און מסחר האָט מען דאָך נישט געקאָנט. בעת אין סיציליע איז אין 15־טן יאָרהונדערט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גזרה אַרויסצוטרייבן פֿון דאָרט

אַלע יידן מיטאַמאָל, האָבן די מיניסטאָרן, איינזעענדיק דעם גרויסן היזק וואָס דערפֿון קאָן אַרויסקומען פֿאַר דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג, געבעטן דעם קעניג פֿערדינאַנד, ער זאָל אָפּלייגן די גזרה אויף שפּעטער. זייער בקשה האָבן זיי באַגרינדעט דערמיט, וואָס „כמעט אַלע האַנדווערקער אין לאַנד זיינען בלויז יידן, און אויב מען זאָל זיי אַרויסטרייבן מיטאַמאָל וועלן אויספֿעלן מענטשן, וואָס זיינען ביכולת צו ליפֿערן דער באַפֿעלקערונג אַלע נויטיקע כלים, באַזונדערס אייזערנע, ווי פֿאַדקאָוועס פֿאַר פֿערד און פֿאַרשידענע מכשירים פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און שיפֿן. די קריסטלעכע בעלי־מלאכות וועלן זיין אומשטאַנד זיי צו פֿאַרטרעטן ערשט אין אַ צייט אַרום און דערמאָלט וועלן זיי הויבן די מקחים אָן אַ מאָס און אומגעשטערט".

דערפֿון זעט מען קלאָר, אַז נישט בלויז אין די גאָר אַלטע צייטן, נאָר אויך אין מיטלאַלטער האָבן יידן געשעצט און טייער געהאַלטן די מלאכה. אַפֿילו די יידישע געלערנטע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַרבעט. ר׳ משה בן מימון (רמב״ם), וועלכער האָט אַליין זיין גאַנץ לעבן שווער געאַרבעט, אַלס דאָקטאָר און געזעצלערער, האָט געשריבן צו זיין תּלמיד ר״י בן עקנין: „ביי מיר זעט אויס גלייכער, דו זאָלסט פֿאַרדינען איין דראַכם פֿון וועבעריי, שניידעריי, אָדער טשעשלעריי, איידער דו זאָלסט פֿאַרדינען פֿון אַמט פֿון ראש־הגולה."
אויך בעת יידן האָבן געהאַט די ברירה זיך צו פֿאַרנעמען מיט וואָס פֿאַר אַ מלאכה זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי אויסגעקליבן אַזעלכע, וואָס נויטיקט זיך אין אַ פֿיינעם קינסטלערישן חוש. אַ פּראָסטע גראָבע אַרבעט האָט זיי נישט באַפֿרידיקט. שפּעטער האָבן זיי, צוליב די באַגרענצונגען, זיך אָפּגעוויינט פֿון פֿיזישער אַרבעט, וואָס האָט מיט דער צייט שלעכט געווירקט אויף זיי.
זיי האָבן זיך געוואָרפֿן צו גייסטיקער אַרבעט, צו נסיעות, פֿאַרמיטלונג און ד. גל. אין דער עקספּעדיציע פֿון קאָלומבוסן האָבן יידן געאַרבעט מער מיטן קאָפּ, ווי מיט די הענט. אַ יידישער

אַסטראָנאָם האָט פֿאַרפֿאַרטיקט די טאַבעלעס פֿאַר די שיף־מאַרש־רוטן און האָט דערפֿונדן נייע אינסטרומענטן פֿאַר די שיפֿן. די יידן האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין צונויפֿשטעלן מאַפּעס. זייערע מאַפּעס האָבן געשמט אויף דער וועלט. ר׳ י ה ו ד ה ק ר ש ק ש איז געווען באַוואוסט אַלס „מאַפּע־ייד״.
יידן האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די גרויסע וועלט־נסיעות אויסצופאָרשן נייע לענדער. און מען קאָן זאָגן בלי־גוזמא, אַז אָן יידישער הילף וואָלט קאָלומבוס*) קיינמאָל נישט דערגרייכט זיין ציל. דער וועלט־רייזנדער וו אַ ס ק אָ ־ ד ע ־ג אַ מ אַ איז אויך אונטערגעשטיצט געוואָרן פֿון יידישע מאַטראָזן און שיפֿסקאַפּיטאַנען.
וואָס איז שייך דער יידישער גבורה, זיינען אַלע רייזע־באַשריי־בונגען פֿול מיט וואונדערלעכע דערציילונגען וועגן יידישע שטאַ־מען אין אַזיע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַזאַ זעלטע־נער גבורה, אַז קיינער האָט זיי נישט געקאָנט בייקומען. די דרייסטקייט פֿון די שפּאַנישע יידן זעט מען בולט אַרויס פֿון זייערע אומאויפֿהערלעכע ווענדונגען צו דער רעגירונג, מען זאָל זיי אַרויסגעבן אַ דערלויבניש צו טראָגן געווער און צו נע־מען אָנטייל אין די טורנירן פֿון אַדל.
די יידן האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער מעדיצין און, אויסער די אַראַבער, האָט קיינער נישט געקאָנט זיך פֿאַרגלייכן צו די יידישע דאָקטוירים אין שפּאַניע און איטאַליע. די יידי־שע מיניסטאָרן ביי די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע מלכים זיי־נען על־פּי־רוב פֿריער געווען זייערע לייב־דאָקטוירים. די קריסט־

---

*) לויט די נייעסטע פֿאָרשונגען פֿון ד״ר ק יי ז ע ר ל י נ ג (פּראָפֿעסאָר פֿון ווערק „כריסטאָפֿאָר קאָלומבוס און די באַטייליקונג פֿון די יידן אין דער אַנטדעקונג פֿון אַמע־ריקע״) שטעלט זיך אַרויס, אַז קאָלומבוס, דער אַנטדעקער פֿון אַמעריקע, איז געווען אַ ייד. די דאָקומענטן, וואָס זיינען געפֿונען געוואָרן אין די שפּאַנישע רעגירונגס־אַר־כיוון באַווייזן, אַז דער יידישער נאָמען פֿון קאָלומבוס איז געווען ק ו ל ו ם. זיין פֿאָ־טער האָט געהייסן י ע ק ב און זיין מוטער ש ו ש נ ה. בעת די יידן־פֿאַרפֿאָלגונגען אין שפּאַניע, האָט קולום זיך געשמדט לפּנים, אָבער אין געהיים איז ער געבליבן אַ ייד.

לעכע קירך האָט קרום געקוקט אויף דער השפּעה פון די יידי־
שע דאָקטוירים אויף די מלכים און האָבן אָנגעווענדט אַלע
כּוחות, זיי צו באַזייטיקן, אָבער ווען די מלכים און פירסטן
האָבן זיך געוויטיקט אין אַ דאָקטאָר, האָבן זיי זיך געווענדט
צו אַ ייד, נישט־קוקנדיק אויף די באַפעלן פון דער קירך. איי־
דער ס'זיינען געגרינדעט געוואָרן די אוניווערזיטעטן אין די
קריסטלעכע לענדער, איז כּמעט נישט געווען קיין איינציקער
קעניגלעכער הויף און בישאָפטום אין אייראָפּע אָן אַ יידישן
דאָקטאָר. אויך אין פאַרשידענע דייטשע שטעט האָט מען יידן
באַשטימט פאַר די שטאָטישע דאָקטוירים און זיי באַפרייט פון
אַלע יידישע שטייערן. אמת, די יידישע דאָקטוירים אין דייטש־
לאַנד האָבן געהאַט אַזאַ קנאַפּע ידיעה אין מעדיצין, ווי זייערע
קריסטלעכע חברים און האָבן לחלוטין נישט געקאָנט פאַרגלייכט
ווערן צו די יידישע דאָקטוירים אין שפּאַניע און איטאַליע, אָבער
די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט געהאַט צו זיי מער צוטרוי,
ווי צו די אייגענע קריסטלעכע דאָקטוירים. יידישע דאָקטוירים
האָט מען זאָגאַר אַראָפּגעבראַכט פון דער פרעמד, אַזוי אַז אין
יאָר 1376 האָט אַ שררה פאָן פאַלקענשטיין געבעטן ביים שטאָט־
ראַט אין פראַנקפורט, ער זאָל געבן וואוינרעכט דעם ייד י ע ק ב,
ווייל ער איז אַ גרויסער דאָקטאָר.

די יידן זיינען געווען די ערשטע אין מיטלאַלטער, וועל־
כע האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון געלט־הלוואות. פאַר
דער אַנטוויקלונג פון האַנדל האָט אָבער דער יידישער גלויבן
געקוקט קרום אויף די פּראָצענטניקעס און זיי פאַרבאָטן זיך צו

אין איין דאָקומענט ווערט דערציילט, אַז דעמדאָזיקן קולום האָט מען געכאַפּט ביים אָפּ־
היטן אַ יידישן דין און מען האָט אים פאַרמשפּט, ער זאָל זיך עפנטלעך מתודה זיין
אויף זיין זינד. דעם 8־טן יולי 1489 האָט מען אים צוזאַמען מיט זיין פרוי און מוטער
געפירט צום פּלאַץ פון „אויטא־דא־פע", פאַרקליידט ווי אַ בעל־תשובה און זיי האָבן זיך
געמוזט מתודה זיין. דער ייד ס א נ ט א ג ע ל האָט געגעבן 12000 קראָן אויף רייזע־
קאָסטן און קולום אָדער קאָלאָמבוס האָט זיך שפּעטער געלאָזט אין וועג אַריין און אנט־
דעקט אַמעריקע.

פאַרנעמען דערמיט. אָבער נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן האָט די יידישע תּורה געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן אַזעלכן, וואָס לייט געלט אויף פּראָצענט אויף די נויטיקסטע באַדערפעניששן און אַזעלכן, וואָס לייט געלט אויף האַנדל. אין דעם זין דאַרף מען אויך פאַרשטיין די ווערטער פון פּסוק: „לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך (אַ פרעמדן מעגסטו לייען אויף פּראָצענט און אַן אייגענעם טאָרסטו נישט לייען אויף פּראָצענט). ווייל דער פרעמדער, וואָס פלעגט קומען אין ארץ־ישראל און לייען געלט ביי יידן, האָט עס מייסטנס געברויכט אויף מסחר. אַן אייגענער אָבער האָט געליען געלט בלויז אין אַ נויט־פאַל. די יידישע רבנים פון מיטלאַלטער האָבן גוט פאַרשטאַנען די ווירקלעכקייט פון דעמדאָזיקן אונטערשיד און דעריבער האָבן זיי מתּיר געווען צו לייען געלט אויף פּראָצענט. די קריסטלעכע קירך האָט ביזן 15־טן יאָרהונדערט פאַרווערט צו נעמען פּראָצענט אין יעדן פאַל אָן אַ שום אונטערשיד ווען מען לייט און וויפיל פּראָצענט מען נעמט.

פאַרווערט די קריסטן צו נעמען פּראָצענט, האָט די קירך אָבער מתּיר געמאַכט עס פאַר די יידן, ווייל זי האָט געהאַלטן פאַר אַן איסור בלויז דאָס נעמען און נישט דאָס געבן פּראָצענט. די יידישע געזעצלעכע האָט אויך געפּרובט אסרן דאָס נעמען פּראָצענט אָן שום אונטערשיד און האָט געטייטשט דעם פּסוק: „לנכרי תשיך ולאחיך לא תשיך" אין דעם זין, אַז דעם פרעמדן מעגסטו געבן פּראָצענט און דעם אייגענעם טאָרסטו נישט געבן, און פיל פּוסקים פון מיטלאַלטער האָבן אָנגענומען דידאָזיקע אויסטייטשונג און געאסרט צו נעמען פּראָצענט אויך ביי נישט־יידן, מחמת די תּורה האָט מתּיר געווען בלויז צו געבן פּראָצענט אַ נישט־ייד, אָבער נישט צו נעמען ביי אים פּראָצענט. דערדאָזיקער איסור האָט אָבער נישט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון מיטלאַלטער, און אָנפאַנגס פון 13־טן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען אַזוינע מיינונגען, אַז מען זאָל מתּיר זיין צו נעמען פּראָצענט ביי נישט־יידן.

דערדאָזיקער היתּר איז אייגנטלעך געווען אַ פּועל־יוצא פון די

ל'עבנסבאַדינגונגען אין יענער צייט. די קריסטלעכע קירך האָט גרויסגעגעבן אַ מאַסע באַשריינקונגען געגן יידישן האַנדל און מלאכה און זיי געצוואונגען אַזויאַרום צו ווערן פּראָצענטניקעס. אין שפּאַניע האָבן יידן נישט געטאָרט זיין קיין רופאים, בעקער און מילנער, קיין שום ייד האָט נישט געטאָרט פאַרקויפן אויפן מאַרק ברויט, וויין, מעל, בוימל און פּוטער. קיין שום ייד האָט נישט געטאָרט זיין קיין סטאָלאַר, שלאָסער, שניידער, שוסטער און קליידער-פאַרקויפער צו קריסטן; ער האָט נישט געטאָרט זיי פאַרקויפן קיין שיך, האָט נישט געטאָרט זיין קיין מעקלער אָדער אָנגעשטעלטער ביי קריסטן אָדער האַלטן ביי זיך קריסטן אין געשעפט אָדער ביי אַן אַרבעט. אין אַנדערע לענדער זיינען יידן געווען נאָך מער באַשריינקט אין אַרבעט און האַנדל, אַזוי אַז מען קאָן זאָגן בלי-גוזמא, אַז אין מיטלאַלטער איז דער יידי-שער סוחר און האַנדווערקער געווען געבונדן מיט די הענט און פיס און איז געווען אָנגעוויזן אויף דער געלט-פאַרלייונג. אין איינגלאַנד איז פאַרלייען געלט אויף פּראָצענט געווען דאָס איינציקע געשעפט, וואָס אַ ייד האָט זיך געמעגט פאַרנעמען דערמיט. אין די אייראָפּייאישע שטעט האָבן יידן געמעגט קו-מען אויפן מאַרק בלויז אין געוויסע שעהן, און יעדעס מאָל, ווען זיי זיינען געקומען אָדער אַוועקגעגאַנגען פון מאַרק, האָבן זיי געמוזט געבן אַ ספּעציעלן אָפּצאָל. און די באַשריינקונגען האָבן זיך אַלץ מער און מער פאַרגרעסערט, אַזוי, אַז די יידן איז נישט פאַרבליבן קיין אַנדער געשעפט, ווי דאָס פּראָצענט-געשעפט און דער מסחר מיט אַלטע זאַכן.

אין מיטלאַלטער האָט מען געקוקט מיט דער אייגענער פאַראַכ-טונג סיי אויף אַ געוויינלעכן פּראָצענטניק און סיי אויף אַ באַנ-קיר, וועלכער האָט מיט זיין געלט מיטגעהאָלפן צו דער אַנט-וויקלונג פון גרויס-האַנדל און פּאָליטיק. אויב מען זאָל אָבער קוקן אויף יענעם פּעריאָד פון אונזער היינטיקן שטאַנדפּונקט, וועלן מיר לייכט געפינען, אַז צווישן די יידישע געלט-סוחרים אין מיטלאַלטער זיינען געווען אויך איידעלע און הויכגעבילדע-טע מענטשן. אַזאַ מענטש איז געווען ר' יחיאל פון פּיזא,

וואָס איז געווען דער אויפזועער פונם געלט־מאַרק אין טאָסקאַ־נאַ אינם 15־טן יאָרהונדערט.* ער איז געווען אַן איידעלער און מילדער מענטש, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן דער ליטעראַטור, זי געשטיצט מיט אַלע כּחות און אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן צוטיילט אויף צדקה.

די יידן האָבן גענומען אַ גרויסן פּראָצענט, אָבער זיי זיינען זיך באַגאַנגען מילדער, ווי אַנדערע געלט־פאַרלייער. יידן האָבן טייל־מאָל געמוזט נעמען אַ גרויסן פּראָצענט צוליב די גרויסע געלט־אויספּרעסונגען מצד די מלכים און פירשטן. די מלכים און די אַדללייט אַליין האָבן גענומען געוואַלטיקע פּראָצענטן. טיילמאָל האָבן די מלכים, אַדללייט און גלחים אַריינגעלייגט זייער פאַרמעגן אין יידישע הענט און נאָכדעם פאַרטיילט די פּראָצענטן צווישן זיך און די יידן.

די יידן און דער טעאַטער.

מ׳יט פופציק יאָר צוריק האָט אַ רייכער ייד אין גיבראַלטאַר אויסגעבויט אַ טעאַטער צום פאַרדינגען, און אַ רב האָט עס אים מתיר געווען על פי דין צוליב דעם טעם, וואָס „דאָס רוב פון די שטאָט־איינוואוינער זיינען גוים, און די הייַנטיקע טעאַטערן זיינען נישט ווי די פאַרצייטיקע, וואָס זיינען געווען אויסגעמישט מיט געצנדינעריי." מיט צוויי הונדערט יאָר פריער אָבער איז אַ רב שאַרף אַרויסגעטרעטן געגן די יידן אין ווענעציע, וואָס האָבן אויסגעבויט הייזער, „וואו ס׳קומען זיך צוזאַמען מענער און פרויען צו הערן לצנות און נבול פה" און ער האָט באַדויערט, וואָס ער קאָן נישט אונטערברעכן אַזעלכע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אויך אין דער הייַנטיקער צייט זיינען פאַראַן פיל געגנער פון טעאַטער, נישט בלויז צווישן די פאַרפרומטע יידן, נאָר אויך צווישן גוים, און דערונטער די באַקאַנטע קריסטלעכע סעקטע פוריטאַנער אין איינגלאַנד, וועלכע גייען לגמרי נישט אויף טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

פיל סיבות האָבן גורם געווען דערצו, אַז די יידן זאָלן אויסמיידן צו גיין אין טעאַטער. איינמאָל איז דאָרט געווען אַן אָרט פון פאַרשייטקייט און געצנדינעריי, בלוטפאַרגיסונג און ליצנות, און, צווייטנס, האָט מען דאָרט פאַרבראַכט די צייט אומזיסט. ווי באַקאַנט, זיינען אין די פאַרצייטיקע גריכישע טעאַטערן געווען באַליבט ביי דעם המון נישט די קינסטלערישע דראַמען פון ס א פ א ק ל ע ס און אַ ר י ס ט אָ פ אַ ן, נאָר דוקא די געמיינע טעאַ־

טערשטיק, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון פּראָסטן המון.

ייִדן האָבן געהאַט נאָך אַ טעם פּאַרוואָס זיי זיינען נישט געגאַנגען אין טעאַטער. אין די טעאַטערן האָבן געזונגען פרויען, און לויט דער אָנשויונג פון תּלמוד איז „אַ פרויען־שטים אַ שאַנד". בכּלל זיינען געזאַנג און מוזיק דערווייטערט געוואָרן פון ייִדישע הייזער, זינט דעם חורבן, און אַפילו אויף שמחות, אַזוי אַז ביסלעכווייז האָט זיך ביי ייִדן איינגעוואָרצלט די מיינונג, אַז מוזיק איז נישט קיין ייִדישע זאַך. אין מיטלאַלטער איז דער איסור אויף שפּילן און זינגען אין אַלגעמיין געבליבן אין קראַפט, אָבער ער איז שוין נישט געווען אַזוי האַרב ווי פריער. באַזונדערס האָט מען מתּיר געווען דאָס זינגען פּורים און אויף חתונות. אין סוף פון 15־טן יאָרהונדערט האָבן אייניקע ייִדישע געמיינדעס געהאַט זייערע מוזיק־קאַפּעלעס, וואָס האָבן געשפּילט אויך אויף קריסטלעכע שמחות און פאַרוויילונגען. צווישן די ישיבה־בחורים זיינען געווען אַ סך גוטע מנגנים און אויך גרויסע רבנים זיינען געווען ליבהאָבער פון געזאַנג. די חזנים האָבן בעתן דאַוונען אָנגעהויבן מאריך זיין מער אין זינגען, ווי אין די תּפלות, מחמת דער עולם האָט בטבע געהאַט אַ נייגונג צו געזאַנג.

אין מיטלאַלטער זיינען בטל געוואָרן אַ טייל פון די רעליגיעזע און מאָראַלישע טעמים, צוליב וועלכע ייִדן האָבן אויסגעמיטן דעם טעאַטער. זיי האָבן זיך אָבער דערווייטערט פון טעאַטער פּשוט צוליב דעם, ווייל זיי האָבן געליטן פון אים גרויסע צרות. אין מיטלאַלטער האָבן די קריסטן זיך געמאַכט אַ פאַרוויילונג דערפון, וואָס זיי האָבן אויסגעלאַכט די ייִדן אָדער זיי געפּייניקט. פון 14־טן יאָרהונדערט אָן איז איינגעפירט געוואָרן, אַז ייִדן זאָלן געבן צו שטייער אויף די הוצאות פון די פאָלקספאַרוויילונגען, און אין 15־טן יאָרהונדערט זיינען זיי געצוואונגען געוואָרן צו באַטייליקן זיך אַליין אין די פאַרוויילונגען. אין ערשטן טאָג פון קאַרנאַוואַל האָבן ווייניקסטנס אַכט ייִדן געמוזט אָנהויבן די לויף־שפּילן. זיי האָבן געמוזט לויפן פיל מאָל אי־

בער דער גאַנצער לײנג פֿון לויפפעלד, און מען האָט זײ נאָך אונטערגעטריבן מיט ריטער אונטער אַ ווילדן געלעכטער פֿון המון. טײלמאָל האָבן מאַנכע געפֿונען זײער טויט אויפֿן לויפֿן פעלד.

די רבנים און די קהילה־באַאַמטע האָבן געמוזט גײן בראש פֿון דער קאַרנאַוואַל־פּראָצעסיע, און דער המון האָט געחוזקט פֿון זײ. דידאָזיקע דערנידערונגען און חוזק־מאַכערײ איז געווען פֿאַר יידן ערגער, ווי די אכזריות פֿון דער רוימישער צירק־אַרענע, וואו מען האָט טויזנטער יידישע געפֿאַנגענע געוואָרפֿן פֿאַר ווילדע חיות, צו קעמפֿן און צעריסן צו ווערן דורך זײ.

אין די טעאַטערן זײנען יידן ווידעראַמאָל געווען אַ געגנשטאַנד פֿון ליצנות און חוזק. אין די טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, וואָס די רוימער האָבן אײנגעאָרדנט אין סיריע, זײנען יידן אויסגעלאַכט גע־וואָרן אויפֿן העסלעכסטן אופֿן. די פּאַיאַצן האָבן אָפּגעשפּעט פֿון דער יידישער תורה און פֿון יידישן שבת, און יידישע פֿרויען זײ־נען געצוואונגען געוואָרן צו עסן עפּנטלעך חזיר. די אַקטיאָרן־מחברים אין מיטלאַלטער האָבן דידאָזיקע פֿאָרשטעלונגען זיך גענומען פֿאַר אַ מוסטער און אויך אָפּגעלאַכט און אָפּגעשפּעט פֿון די יידן אין זײערע פֿאָרשטעלונגען. דער ייד איז כמעט תמיד פֿאָרגעשטעלט געוואָרן אויף דער בינע אין אַ שפּלדיקער און העסלעכער געשטאַלט.

די צרות און דערנידערונגען, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצו־שטײן פֿון די קאַרנאַוואַל־פֿאַרווײלונגען, האָט זײ דאָך נישט אָפּ־געהאַלטן אַלײן זײ נאָכצוטאַנצן און צו מאַכן פֿון פּורים אַ מין יידישן קאַרנאַוואַל. אין איטאַליע פֿלעגן יידישע קינדער זיך אויסשטעלן שורותווײז און וואַרפֿן ניס אײנאַנדער אין פּנים אַרײן, און די דערוואַקסענע פֿלעגן רײטן איבער די גאַסן מיט צווײגן אין די הענט און מיט המנס בילד, וואָס זײ האָבן גע־מאַכט פֿון האָלץ, און האָבן עס נאָכדעם עפּנטלעך פֿאַרברענט בײם שאַנדסלופּ. שמחה און חוזק האָבן אויסגעפּילט דעם גאַנצן פּורים־טאָג. מען האָט אָנגעטאָן מאַסקעס אויפֿן פּנים, מאַנטלײט

האָבן זיך פֿאַרקלייד פֿאַר פֿרויען און פֿאַר מאַנסלייט, און מען האָט זיך משמח געווען. עס זיינען אויך געשאַפֿן געוואָרן „פּורים־שפּילן", וואָס האָבן זיך באַזונדערס פֿאַרשפּרייט אין 18־טן יאָרהונדערט.

פּורים און שמחת־תּורה האָט מען געהוליעט פֿראַנק און פֿריי אויך אין די שולן. מען האָט געטאַנצט און געשפּילט, געזונגען און געררויכערט אומגעשטערט.

די מעשה מיט אסתּרן און המנען איז נישט געווען דאָס איינ־ציקע שטאָף פֿאַר די פּורים־שפּילן. צוגלייך מיטן „אחשורוש־שפּיל" איז געשפּילט געוואָרן „מכירת יוסף", „דוד און גלית". דאָס ערשטע פּורים־שפּיל איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿון בערמאַן פֿון לימבורג און איז געשפּילט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין יאָר 1713 אין פֿראַנקפֿורט אַמיין. די שפּילער האָבן צוגע־צויגן אַ גרויסן עולם און דערונטער אויך פֿיל קריסטן, אַזוי אַז מען האָט געמוזט שטעלן סאָלדאַטן אָפּצוהיטן די אָרדנונג. די שפּילער זיינען געווען ישיבה־בחורים פֿון פּראָג און האַמבורג.

די יידישע קליידונג.

לויטן געזעץ פון דער תורה טאָרן מאַנסלייט נישט אָנטאָן קיין פרויען־קליידער און פרויען—מענערקליידער. אין מיטל־אַלטער האָבן די יידישע און קריסטלעכע געלערנטע באַהאַנדלט דידאָזיקע פראַגע. לוטער האָט געזאָגט זיין מיינונג, אַז בלויז בשעתן שפילן אין טעאַטער מעגן מענער זיך פאַרקליידן פאַר פרויען, אָבער נישט תמיד. און איינער פון די גרויסע רבנים אין 15־טן יאָרהונדערט האָט אויך אַזוי געהאַלטן. בכלל האָט מען זיך באַמיט, אַז די מענער־ און פרויען־קליידער זאָלן זיך שטאַרק אונטערשיידן צווישן זיך. צוליב דעם טעם האָבן מענער נישט געטראָגן קיין קאָלירטע קליידער. אין אַ סכנה־צייט אָבער,—אין אַ נסיעה, אַ שטייגער—האָט מען מתיר געווען פרויען אָנצוטאָן מענער־קליידער און אויך קליידער פון מנישקעס, און אין אַ באַלאַגערונג־צייט האָבן זיי צוגעקלעפּט בערד צו די באַקן און אָנגעטאָן שווערדן, מען זאָל זיי האַלטן פאַר מענער און נישט באַאומרואיקן. אַמאָל האָבן די מאַנסלייט, בעת זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, געמוזט אָנטאָן גלחישע קליידער, אָדער צוגעשטאַנען צו די עולה־רגלניקעס, וואָס זיינען געפאָרן צו די הייליקע ערטער, און געזונגען קריסטלעכע רעליגיעזע הימנען מיט זיי צוזאַמען, כדי מען זאָל זיי נישט דערקענען, אַז זיי זיינען יידן. אין די מוסולמענישע לענדער האָבן יידן זיך אָנגעטאָן אין ווייסע מלבושים, בכדי מען זאָל זיי האַלטן פאַר מוסולמענער.

די רעליגיעזע דינים האָבן אויך אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף די יידישע מלבושים. פּאַרצייטנס איז צודעקן דעם קאָפּ געווען בלויז אַ מנהג פון אָנשטענדיקייט ביי די אָריענטאַלישע פעלקער, אָבער מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ האַרבער דין. אין 12־טן יאָרהונדערט איז ביי די יידן אין פראַנקרייך נאָך נישט אָנגענומען געוואָרן דער מנהג צו באַדעקן דעם קאָפּ בעתן דאַוונען, און אין 13־טן יאָרהונדערט פלעגן קינדער אין דייטש־לאַנד און דערוואַקסענע אין פראַנקרייך עולה לתורה זיין מיט אַ נאַקעטן קאָפּ. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגענומען געוואָרן די מיינונג, אַז מען טאָר נישט דאַוונען מיט אַ נאַקעטן קאָפּ צוליב „חקות הגוים".
הגם די יידן האָבן באַמיט זיך אונטערצושיידן פון גויים אין דער קליידונג צוליב „חקות־הגוים", איז דאָך קלאָר, אַז כּל־זמן די רעגירונג האָט זיי נישט געצוואונגען צו ענדערן זייערע מלבושים, האָבן זיי געטראָגן כמעט דיזעלבע מלבושים ווי די גוים. די רבנים אין מיטלאַלטער האָבן געשטעלט אַלס פּרינציפּ, אַז יידן טאָרן נישט טראָגן די אייגענע הלבשה, וואָס די קריסטן אָדער מוסולמענער נאָר אין דעם פאַל, ווען אַזאַ הלבשה איז מרמז אויף דעם קריסטלעכן אָדער מוסולמענישן גלויבן. צוליב די אָפטע וואַנדערונגען אָבער האָבן זיי גע־מוזט טראָגן דיזעלבע הלבשה, וואָס די קריסטן און מוסולמע־נער. טיילמאָל האָבן זיי זיך אַזוי צוגעבונדן צו זייער קליידונג, אַז זיי האָבן זי נישט געוואָלט ענדערן אויף דעמאָלט, בעת ביי זייערע שכנים איז זי שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. אַזוי האָבן די יידן פון די סלאַווישע לענדער זיך געהאַלטן ביים „קאַפּטאַן" שוין נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעהערט צו זיין דער נאַציאָנאַלער מלבוש פון די פּאָליאַקן, און די ענגלישע יידן ביים דרייעקיקן היטל שוין נאָכדעם, ווי די קריסטן האָבן אים אויסגעטאָן.
די יידן האָבן זיך אויך באַמיט צו טראָגן די אייגענע פריזור, וואָס די נישט־יידן. זיי האָבן אַרומגעהאַקט זייער באָרד און פּיאות און אָנגעפּודערט די האָר לויטן מנהג פון די אַרומיקע

איינוואוינער. די יידישע פרויען אין די מזרח־לענדער פלעגן פאַרבן זייערע ברעמען און די שפּיץ־פינגער מיט רויטער פאַרב. אין שפּאַניע, וואו יידן און קריסטן האָבן אַ געוויסע צייט גע־לעבט זייער פרידלעך צווישן זיך, האָבן די רבנים געטראָגן דעם מלבוש, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר גלחים, און אין די מזרח־לענדער זיינען דערוועקט געוואָרן שאלות־ותשובות וועגן דעם, צי יידן מעגן טראָגן די גרינע טורבאַנען, ווי עס גייען די „קינדער פון מאַכמעד". אָבער צו די אַלע וכּוחים האָט גע־נומען אַ סוף, בעת די קריסטלעכע און מוסולמענישע רעגירונגען האָבן פאַרבאָטן די יידן צו טראָגן די גלחישע קליידונג און די גרינע טורבאַנען.

די שוואַרצע פאַרב איז געווען אַ באַליבטע פאַרב ביי יידן אין מיטלאַלטער, מחמת זי האָט זייער גוט באַצייכנט טרויער און אונטערטעניקייט. אין די מזרח־לענדער, ווידער, וואו די שוואַר־צע פאַרב איז פאַרהאַסט, האָבן זיי נישט געטראָגן קיין שוואַרצע קליידונג, סיידן די רעגירונגען האָבן זיי געצוואונגען דערצו. די אַבסאָלוטע גלייכקייט אין קליידונג צווישן יידן און גוים האָט זיך אַרויסגעוויזן בולט אין דער פאַרשווענדעריי און פּוץ פון די מלבושים, אין וואָס די יידן האָבן נאָכגעטאָן זייערע שכנים. אין איטאַליע האָט די פאַרשווענדעריי דערגרייכט די העכסטע מדרגה, אַזוי אַז די רבנים און דרשנים האָבן נישט אויפגעהערט צו מוסרן דעם עולם, מען זאָל זיך אָנטאָן פּשוטער. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. די יידישע קליידונג און צירונג האָבן זיך אַזוי געוואָרפן אין די אויגן, אַז זיי האָבן אַרויסגע־רופן גרויס קנאה ביי די גוים. די איינגלישע געשיכטע־שריי־בער דערציילן, אַז דער המון איז פיל מאָל באַפאַלן די יידן בלויז צוליב דער יידישער טבע צו פּוצן זיך שרייענדיק און דערמיט אַרויסצעווייזן זייער עשירות. די רעגירונגען גופא האָבן אין דעם געפונען אַן אויסרייד צו דריקן די יידן און צו באַ־שווערן זיי מיט גרעסערע שטייערן.

בלויז אין איטאַליע, דאָס אָרט פון דער איבערגעטריבענער פאַרשווענדעריי, האָט מען נישט געהאַט קיין טענות צו יידן,

מחמת דאָרט האָבן זיך אַלע אַריינגעטאָן אינם לוקסוס. די איטאַליענישע רעגירונגען האָבן עפּטער אַרויסגעגעבן געזעצן געגן פאַרשווענדעריי. אויך די יידישע רבנים זיינען שאַרף אַרויסגעטרעטן געגן דעם, און פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן תקנות, אָנצעווייזן מאַנסלייט און פרויען מיט אַלע פּרטים, וואָס זיי מעגן און וואָס זיי טאָרן נישט טראָגן. זיי האָבן באַשטימט די קאָלירן און דעם שניט פון מענער־און פרויען־קליידער: די ברייט פון די פרויען־שלייערס, די צאָל פון צירונג, פון עכטע און פאַלשע שטיינער, וואָס פרויען מעגן טראָגן, און דעסגלייכן, און זיי האָבן אויך באַשטימט אַ שטראָף פאַר אַזעלכע, וואָס זיינען עובר אויף די תקנות. מאַנסלייט זאָל מען נישט אויפרופן צו דער תורה און פרויען זאָל מען אויסרופן אין אַלע שולן איינמאָל אין חודש, ביז זיי וועלן זיך אונטערגעבן און צוזאָגן מער נישט עובר צו זיין אויף די תקנות, אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק געהאָלפן, מחמת די פרויען האָבן אַלעמאָל געפונען אַ מיטל ווי זיך אויסצודרייען דורך קליינע ענדערונגען אין די קליידער.

אָבער אין אָנהויב פון 13־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר יידן אַן עפּאָכע פון דערנידעריגונג און פאַראַכטונג. אין יאָר 1215 האָט די קריסטלעכע קירך אָנגענומען אַ באַשלוס צו מאַכן אַן אונטערשיד צווישן די יידן און דער איבעריקער באַפעלקערונג דורך אַ בולטן שאַנדצייכן אויפן אויבערמלבוש. ס'איז שווער צו געפינען דעם אמתן טעם פון דעמדאָזיקן שאַנדצייכן. דער פּויפּסט אינאַצענט דער דריטער האָט דערקלערט, אַז דער שאַנדצייכן דאַרף כלומרשט באַוואָרענען די קריסטן, זיי זאָלן זיך נישט מתחתן מיט יידן, אָבער דאָס איז קענטיק געווען בלויז אַן אויסרייד פאַר דער וועלט.
אין דעקרעט וועגן דעם שאַנדצייכן זיינען נישט דערמאָנט די פּרטים בנוגע זיין גרויס, פאַרב און דעסגלייכן. דאָס האָט מען איבערגעלאָזט פאַר דער אָרטיקער מאַכט. די פאָרם פון שאַנדצייכן איז נישט געווען גלייך אומעטום, אָבער מייסטנס איז ער געווען קיילעכיק. אין איינגלאַנד איז ער תחילת געווען אין

דער פאָרם פון אַ ליינגלעכן פירעק, אָבער שפּעטער האָט מען אים צוגעגעבן די פאָרם פון צוויי לוחות, און די יידן האָבן אים געטראָגן אויפן זוים פון זייער אויבערשטן בגד. אין איינג־לאַנד האָט מען געענדערט די פאַרב: פון ווייס אויף געל. אין דייטשלאַנד איז דער שאַנדצייכן געווען קיילעכיק און די מאַנסלייט האָבן אים געטראָגן אויף דער ברוסט. די פרויען האָבן געטראָגן צוויי בלויע פּאַסן אויפן שלייער אָדער מאַנטל. טיילמאָל האָט מען אויפן געלן עגול אַרויפגעשטעלט דעם אות S (צייכן — Signum) אָדער אַ האַלבע לבנה פון שוואַרצן לייוונט. אין קרעטא האָט אַזאַ צייכן געמוזט זיין אויך אויף די טירן פון די יידישע הייזער. אין עסטרייך און דייטשלאַנד האָבן די יידן געמוזט טראָגן אַ באַזונדערן הוט, וואָס האָט געהייסן „יו־דענהוט". דערדאָזיקער הוט האָט געהאַט אַ פאָרם פון צוויי שפּי־ציקע הערנער.

אין יאָר 1713 האָט דער קעניג פרידריך ווילהעלם געענ־דערט דעם קאָליר אויף גרין. מען ווייס אָבער נישט, צי דער־דאָזיקער הוט האָט פאַרביטן דעם שאַנדצייכן אָדער ער איז גע־ווען אַ הוספה צו אים. אין מאַרסעל האָבן יידן געהאַט די ברירה צו טראָגן אָדער אַ געלן הוט אָדער אַ געלן שאַנדצייכן. אין פראַנקרייך האָט מען דעם צייכן מייסטנס געטראָגן אויף דער ברוסט אָדער ווייניקסטנס איבערן גאַרטל און טיילמאָל האָט מען צוגעגעבן נאָך אַ צווייטן צייכן אויפן רוקן. טיילמאָל האָט מען אים אַרויפגעשטעלט אויפן הוט, אויפן גאַרטל אָדער אויפן לינקן אַקסל.

די גרויס פון צייכן איז געווען פאַרשידן לויטן אָרט און צייט. אין מאַרסעל איז מחויב געווען צו טראָגן דעם צייכן יעטוועדעס יינגל פון זיבן יאָר אָן און ווייטער. אין אַרלס איז באַשטימט געוואָרן פאַר יינגלעך צו טראָגן דעם צייכן פון 13־טן יאָר אָן און פאַר מיידלעך—פון 12־טן יאָר אָן און אין אַוויניאָן—פון 14־טן יאָר אָן פאַר יינגלעך.

די גייסטלעכע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ וועגן שאַנדצייכן, און די וועלטלעכע מאַכט האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז דאָסדאָזי־

קע געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערן. פאַרן עובר זיין דאָסדאָזיקע געזעץ איז מען האַרב באַשטראָפט געוואָרן. יעדער, וואָס האָט געמסרט אַ יידן, אַז ער טראָגט נישט דעם שאַנדצייכן, האָט באַקומען אַלס לוין דאָס מלבוש, אויף וועלכן ס'האָט געפעלט דער צייכן. אין ניצא האָט דער מסור מיטן שטאַטראַט זיך צוטיילט מיטן מלבוש. דער קעניג פיליפ דער שענער האָט די שאַנדצייכנס פאַרקויפט די יידן און געמאַכט דערפון אַ נייעם מקור פאַר די מלוכה־הכנסות.

אין די מוסולמענישע לענדער האָבן יידן אויך געהאַט אַזעלכע צרות, אָבער דאָרט האָט מען זיי בלויז פאַרווערט צו טראָגן די מלבושים פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, אָדער צו פאַרבן די מלבושים אין אַ געוויסער פאַרב, אָדער צו גיין אין שיך. קיינמאָל האָט מען זיי אָבער נישט געצוואונגען צו טראָגן אַ באַזונדערן שאַנדצייכן, ווי ס'איז געווען דער פאַל אין די קריסטלעכע לענדער.

די רעזולטאַטן פון דעמדאָזיקן סיסטעם, וועלכער האָט געמאַכט יידן צו שאַנד און צו שפּאָט, זיינען געווען זייער טרויריקע. דער ייד איז געוואָרן אַ סימבאָל פון דערנידערונג, ער איז געוואָרן געיאָגט און געפּלאָגט, באַליידיקט און באַעולט אויף יעדן טריט און שריט. מען האָט אים צומאָל נישט געלאָזט אַרויסווייזן, אַז ער פ׳י׳ט זיין שאַנד.

אין צוויי לענדער—אין שפּאַניע און איטאַליע—האָבן יידן נאָך געקאָנט אָפּשלעפּן די גזרה. און אויך נאָכדעם, ווי זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָבן אייניקע זיך געקאָנט אַרויסדרייען מיט כאַבאַר. אין משך פון 200 יאָר זיינען די שפּאַנישע יידן פּטור געווען פון אַלע באַשרייַנקונגען, פון וועלכע ס'האָבן געליטן די יידן אין אַנדערע לענדער, און קוקנדיק אויף זייערע שפּאַנישע ברידער, האָבן אויך די דייטשע אָדער עסטרייכישע יידן באַקומען מער מוט און האָפנונג. אין 15־טן יאָרהונדערט האָבן די שפּאַנישע יידן דערשפּירט, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו זייער „פרייהייט". ס'איז געגרינדעט געוואָרן די אינקוויזיציע, די קראַפט פון די אַראַבער איז געבראָכן געוואָרן, די קריסטלעכע

מלוכות אַראַגאָניע און קאַסטיליע האָבן זיך פאַרייניקט, אַזוי אַז יידן, געדריקט פון איין מלוכה, האָבן שוין נישט געקאָנט זוכן שוץ אין אַן אַנדער מלוכה. אַזוי האָט זיך זייער לאַגע פאַרערגערט אַלעמאָל מער, ביז דעם יאָר 1492, ווען ס'איז נגזר געוואָרן אויף זיי צו פאַרלאָזן שפּאַניע.

מיט גרויש שפּאַניע האָבן יידן אויף אַ צייט לאַנג פאַרלאָרן זייער מאַכט און באַדייטונג. דער האָריזאָנט איז פאַרצויגן געוואָרן מיט פינסטערע געדיכטע כמאַרעס. ס'זיינען באַלד אויסגעבויט געוואָרן די יידישע געטאָס, וואו דאָס געפּלאָגטע, געטרודפּטע פאָלק איז פאַרשפּאַרט געוואָרן ווי אין תפיסה. צו די שאַנד־צייכנס זיינען צוגעקומען די געטאָס. די אַלע דערנידערונגען און נגישות זיינען באַזונדערס שטאַרק געפאַלן אויפן יידן פון דעם 15־טן ביזן 18־טן יאָרהונדערט, און האָבן אַרויפגעלייגט אַ באַזונדער חותם אויף זיין כאַראַקטער, אויף זיין אויסערלעכן און אינערלעכן לעבן.

די צדקה־איינריכטונג.

פאַרשידענע צדקה־סיסטעמען געפֿינען מיר ביי יידן אין מיטל־אַלטער, וועלכֿע האָבן זיך געענדערט לויט די באַדערפֿע־ניש פֿון דער צייט, און האָבן נישט זייער גלייכֿן אין די פֿריערדיקע צייטן. אין חומש איז דאָס צדקה־געבן צוזאַמענגע־בונדן מיט דער ערדאַרבעט, וואָס איז אין יענער צייט געווען די הויפּטבאַשעפֿטיקונג פֿון די יידן. אָרעמע לייט האָבן באַקומען מעשר־עני, אַ געוויסן טייל פֿון גערעטעניש. זיי האָט אויך גע־הערט לקט, שכחה און פּאה ד. ה. די זאַנגען, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט, פֿאַרגעסן אין שניט־צייט, און ד. גל. אין תלמוד אָבער איז דער ענין צדקה אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף אַלע לעבנסגעביטן. אינם באַגריף פֿון צדקה האָבן די חכֿמי התלמוד אַריינגענומען אַלע געזעלשאַפֿטלעכֿע פֿאַרהעלטנישן: ברידערלע־כֿע פֿריינטשאַפֿט און ליבע, הכֿנסת אורחים (אויפֿנעמען געסט), הלוית המת (באַגלייטן אַ נפֿטר צום בית־הקברות), בקור חולים (באַזוכֿן קראַנקע), הכֿנסת כלה (חתונה־מאַכֿן אַן אָרעמע כלה) און דעסגלייכֿן, אַזוי אַז מען קאָן זאָגן מיט זיכֿערקייט, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ צדקה־סיסטעם, וואָס מיר זאָלן אים נישט געפֿינען אין תלמוד. אָבער ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָבן די יידן תמיד אָנגענומען אַזאַ צדקה־סיסטעם, וואָס איז געווען בעסער צוגעפּאַסט צו די צייט־באַדערפֿענישן.

אין 12־טן יאָרהונדערט, למשל, איז די הילף פֿאַר רייזנדער געווען נויטיקער ווי אין אַנדערע צייטן, ווייל דעמאָלט נאָך די

איבערגעלעבטע שחיטות און רציחות פון דער קרייצפאַרעפּאָכע זיינען געבליבן אַ סך יידן אָן בּרויט און אָפּדאַך. יעדע קהילה האָט דערום געזאָרגט צו פאַרשאַפן די אומגליקלעכע אַ דירה און עסן.

דאָס צדקה־געלט איז אינגאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן אין דער „קופּת־צדקה״, (צדקה־קאַסע), וואו יעדער פון די קהילה־מיטגלידער איז מחויב געווען אַריינצוטראָגן אַ טייל לויט זיין פאַרמעגן און לויט דער אָפּשאַצונג פון גבאי־צדקה. אויך קינדער, פרויען און אַפילו אָרעמע לייט זיינען נישט באַפרייט געוואָרן פון צדקה, מחמת צדקה איז געווען אַ חוב, וואָס איז געלעגן אויף אַלעמען. די גבאים האָבן אַפּיל געקאָנט, ווי רעגירונגסבאַאַמטע, צונעמען חפצים און זאַכן ביי די־יעניקע, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון צדקה־אָפּצאָלונגען.

ביי יעדער שמחה אָדער טרויער־פאַל, וואָס קומט פאָר אין לעבן, פלעגט דער ייד מנדר זיין אויף צדקה. ס׳זיינען געווען אַ סך, וואָס האָבן גענומען אויף זיך צו געבן יעדן טאָג אַ געוויסן סכום אין דער צדקה־פּושקע, איידער זיי גייען אַרויס פון שול. קהל האָט באַקומען פיל „עולמות״, ד. ה. צדקות, וואָס די הכנסה דערפון איז צעטיילט געוואָרן אָרעמעלייט, און דער קרן איז געבליבן אויף אייביק. אַזעלכע נדבות האָבן יידן געגעבן פאַרן לעבן און געלאָזט אין זייערע צוואות נאָכן טויט. זעלטן־ווען איז געשען, אַז אַ ייד אַן עושר זאָל שטאַרבן און נישט איבערלאָזן אַ היבשע געלט־סומע אויף צדקה־זאַכן.

אַ סך יידן אין מיטלאַלטער האָבן פרייוויליק גענומען אויף זיך פאַרשידענע אָפּצאָלונגען. דער ייד האָט שטענדיק געגעבן צדקה. ער האָט געגעבן, בשעת ער האָט געגעסן, בשעת ער האָט געטרונקען אַ בעכער ווייַן אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, בשעת ער האָט געהאַט אַ שיינעם פאַרדינסט, בשעת ס׳איז אים געבוירן געוואָרן אַ בן־זכר אָדער ער האָט חתונה־געמאַכט אַ טאָכטער, אָדער בשעת ער האָט אַמאָל פאַרפעלט צו זאָגן די פרשה פון דער וואָך (שנים מקרא ואחד תרגום), אָדער פאַרפעלט אַ סעודה אום שבת. אויף יעדן פאַל איז געווען באַשטימט אַ געוויסער אָפּצאָל:

אַ גילדן, צוויי גילדן אָדער אַ האַלבן גילדן. בעת אַ ייד האָט אָנ־געטאָן אַ נייעם בגד אָדער זיך געקויפט אַ נייעם חפץ, האָט ער אים באַנייט מיט צדקה. חוץ די אַלע אָפּצאָלונגען, פלעגן זיך יידן נוהג זיין אָפּצוגעבן מעשר פון זייערע הכנסות אויף צדקה־זאַכן, און דאָס פלעגט געוויינלעך געשען עשרת ימי תשובה. בעת ער האָט געמאַכט אַ חשבון־הנפש, האָט ער אויך געמאַכט אַ חשבון פון זיין יערלעכן פאַרדינסט און אַוועקגעגעבן אַ צענטל אויף צדקה.

אין 15־טן יאָרהונדערט האָט דער יידישער דלות זיך שטאַרק פאַרגרעסערט, און די צאָל אָרעמעלייט זיך פאַרמערט, אַזוי אַז מיטעלע באַלעבאַטים זיינען נישט געווען בכּח אויסצוהאַלטן אַלע אָרעמעלייט. דאַן האָט מען אָנגעהויבן צו גרינדן פאַרשידענע חברות, כדי צו טאָן אַ מצוה מיטן גוף אָנשטאָט געלט. וואָס שווערער און פאַרוויקלטער ס'זיינען געוואָרן די לעבנסבאַדינגונ־גען און וואָס שוואַכער ס'איז געוואָרן די צדקה אין געלט, אַלץ מער חברות זיינען געוואָרן. אינם רוים־געטאָ איז די צדקה־אַרבעט צעפאַלן אויף פיר קאַטעגאָריעס: עוזר דלים (הילף אָרע־מעלייט), גמילות־חסדים (פאַר געשטאָרבענע), מושב־זקנים און שומר־אמונים (רעליגיעזע און לערן־ענינים) דידאָזיקע צדקה־קאַ־טעגאָריעס האָבן כולל געווען 25 צדקה־חברות: זיבן חברות האָבן געגעבן שטיצע פאַרשידענע אָרעמעלייט און יורדים, איין חברה איז געווען אַ „ביקור חולים” צו העלפן קראַנקע, דריי חברות האָבן עוסק געווען אין קבורה און הלוית המת, איין חברה האָט געגעבן הילף די־יעניקע פאַמיליעס, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער ברויטגעבער, און 13 חברות האָבן געזאָרגט פאַר רעליגיעזע און דערציונגסבאַדערפענישן. חוצדעם זיינען געווען צוויי חברות צו שאַפן מלבושים פאַר אָרעמע כלות און צו לייען צירונג אויף דער חתונה פאַר אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן עס נישט, און איין חברה צו זאַמלען געלט פאַר ארץ־ישראל.

אמת, נישט אַלע יידישע קהלות האָבן פאַרמאָגט אַזויפיל חברות ווי רוים, אָבער דערפאַר זיינען דאָרט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט עקזיסטירט אין רוים. דאָס אָנגעבוירענע יידישע רחמנות־

געפיל האָט געוואַקסט אַלעמאָל נייע וועגן ווי אַזוי זיך אויסצודריקן אין גוטע מעשים. חוצדעם האָבן די חברות דערפילט נאָך אַ נוצלעכע געזעלשאַפטלעכע פונקציע: אין באַשטימטע טערמינען זיינען די חברה-מיטגלידער זיך צונויפגעקומען אויף אספות אָדער אויף אַ סעודה און אַזוי־אַרום זיך צוזאַמענגעבונדן דורך שמחה און פריינטשאַפט.

פון גאָר אַלטע צייטן זיינען געווען צוויי צדקה-זאַכן, וואָס יידן האָבן זיי באַזונדערס טייער געהאַלטן: זאָרגן פאַר קראַנקע און געשטאָרבענע און אויסלייזן געפאַנגענע (פדיון שבוים). דער קהלשער „הקדש" האָט אָפטמאָל געדינט פאַר אַ שפּיטאָל און אָרעמע קראַנקע זיינען אַהין אַריינגענומען געוואָרן. די יידישע דאָקטוירים האָבן זיך אויך געפירט זייער בנעימותדיק מיט זייערע חולים און קיינמאָל זיי נישט באַריסן. אָרימעלייט האָבן זיי געהיילט גאָר אומזיסט און אייניקע האָבן זאָגאַר געשטיצט מיט געלט די נויטבאַדערפטיקע חולים.

אַ דאַנק זייער מעסיקן און ריינעם לעבן, זיינען יידן באַשירמט געוואָרן פון אַ סך קראַנקהייטן, וואָס האָבן געבושעוועט אין אייראָפּע אין פאַרשידענע צייטן. אויך פון כאָלערע און אַנדערע מגפות האָבן זיי ווייניק געליטן. אינם רוימישן געטאָ זיינען אָבער געווען אַ סך קראַנקע אויף מאַלאַריע צוליב די זומפּן און די אָפטע פאַרפלייצונגען פון טיבער. אין דער צייט פון „שוואַרצן טויט" האָבן יידן פיל געליטן סיי פון דער מגפה גופא, סיי פון די בלבולים, וואָס מען האָט געמאַכט אויף זיי, אַז זיי וואַרפן סם אין די ברונעמס. דעמאָלט זיינען אַ סך בית-עלמינס אויסגעוואַקסן אין דער ליינג און אין דער ברייט און פיל חברות האָבן זיך געבילדעט צו זאָרגן פאַר די קראַנקע און געשטאָרבענע. דער פחד פאַר אָנשטעקונג האָט דערביי נישט אָפּגעהאַלטן די מיטגלידער פון די חברות מקיים צו זיין מיט מסירת-נפש די מצוה, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך.

אַמאָל איז געווען דער חוב פון דער גאַנצער קהילה עוסק צו זיין אין קבורת-המת, און אין פיל ערטער האָט מען זיך נוהג געווען, אַז ווען עמיץ איז געשטאָרבן, האָט די גאַנצע קהילה

אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך עוסק געווען אין דער לויה און קבורה. צוליב דער גרויסער שטערונג אין דער אַרבעט אין די צייט פון מגפות און צוליב דער ווייטקייט פון די בית-עלמינס פון די יידישע קוואַרטאַלן, זיינען שפּעטער געגרינדעט געוואָרן די „חברה־קדישאס, וועלכע האָבן איבערגענומען אויף זיך די דאָזיקע מצוה.

אויסלייזן געפאַנגענע (פדיון שבוים) איז פון די גאָר אַלטע צייטן פאַררעכנט געוואָרן ביי יידן פאַר איינע פון די גרעסטע מצוות און דער אָפּצאָל אויף צו באַפרייען שקלאַפן איז געווען תמיד פון די הויפּטשטייערן אין די יידישע קהילות. אָבער אונטער דער צייט האָבן די איינצלנע קהלות נישט געקאָנט מער טראָגן אויף זיך אַזאַ גרויסע לאַסט. האָבן אַ סך חברות זיך פאַרייניקט צוזאַמען צוליבן דאָזיקן וויכטיקן צוועק. אין 15-טן יאָרהונדערט האָט זיך פאַרמערט די צאָל פּיראַטן (ים-גזלנים), און יידן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, האָבן געליטן פון זיי געברענטע צרות. בעת די אַפריקאַנישע פאָרטשטעט אַרגיל און טאַנגער זיינען באַזעצט געוואָרן דורך אַלפאָנס V, דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל, האָט ער געפאַנגען 250 יידן און זיי פאַרקויפט פאַר שקלאַפן. די יידן פון פּאָרטוגאַל האָבן דעמאָלט זיך געווענדט צום גרויסן נדבן ר׳ יחיאל פון פּיזאַ, און ער האָט זיי געשטיצט ווי ווייט ער האָט געקאָנט. דאַן איז ר׳ יצחק אברבנאל, דער פינאַנץ-מיניסטער פון שפּאַנישן קעניג, אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד אויסצולייזן זיינע ברידער.

אין דער צייט פון גירוש שפּאַניען האָבן די יידן זיך שטאַרק דורכגעדרונגען מיטן גורל פון זייערע פאַרוואָגלטע ברידער. די איטאַליענישע יידן האָבן אָנגעשטרייינגט אַלע כחות באַהילפיק צו זיין די טויזנטער פאַרטריבענע, וואָס זיינען געקומען אין די פּאָרטן פון זייער לאַנד. אין פּיזאַ (איטאַליע) האָבן די קינדער פון ר׳ יחיאל מפּיזא זיך באַזעצט אין די פּאָרטן, אויפצונעמען און באַזאָרגן די פאַרטריבענע. אין מאַנכע ערטער איז עס געזוען פאַרבונדן מיט געוואַלטיקע הוצאות. מען האָט זיי געמוזט

513

אויסלייזן פון די האַלב-ווילדע שיפסקאַפּיטאַנעס, וועלכע האָבן זיי געוואָלט פאַרשקלאַפן. אין קארפו און קאַנדיאַ האָבן די יידן פאַרקויפן די גאָלדענע און זילבערנע כלים פון זייערע שולן, כדי אויסצולייזן די געפאַנגענע. אין טערקיי איז דער באַקאַנטער רב ר' משה קאַפּשאַלי אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד, כדי צונויפצוזאַמלען געלט פאַר פּדיון-שבוים.

דער פאַקט, וואָס יידן זיינען תמיד גרייט געווען אויף די גרעס־טע קרבנות, כדי אויסצולייזן זייערע געפאַנגענע ברידער, האָט גע־פירט דערצו, אַז די פיראַטן האָבן זיך גע־טאַרעט צו פאַרהאַלטן וואָס מער יידן. אַמאָל האָבן יידן געפּרובט זיך איינעקשנען און נישט געבן אַזויפיל אויסלייז-געלט, ווי מען האָט פון זיי געפאָ־דערט. נישט תמיד האָבן זיי אָבער געקאָנט דערשטיקן אין זיך דאָס רחמנות-געפיל. אויב זיי האָבן צייטנווייז זיך אָפּגעהאַלטן פון אויסלייזן די געפאַנגענע, האָבן די פאַנגערס שוין געוואוסט, ווי אַזוי צו ווירקן אויף די יידן: זיי האָבן געפּייניקט די גע־פאַנגענע מיט הונגער און אַנדערע יסורים, און טיילמאָל זיי אָפּ־געשניטן די אויערן און די נאָז, כדי צו דערוועקן דאָס רחמנות־געפיל פון זייערע ברידער, און יידן האָבן אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, כדי צו ראַטעווען די געפּייניקטע.

די דערציונג און דאָס לערנען אין מיטלאַלטער.

די רענעסאַנס־(אויפלעבונג) עפּאָכע האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע ענדערונג אין דער דערציונגס־סיסטעם אין אייראָפּע און געשטעלט די קריסטלעכע דערציונג אויף נייע יסודות. פאַר דערדאָזיקער עפּאָכע זיינען די יידן געשטאַנען העכער אין בילדונג און קענטנישן פאַר די אייראָפּייאישע פעלקער. אָבער גראָד דעמאָלט, ווען פאַר דער קריסטלעכער געזעלשאַפט האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פריי ווינטל פון אויפלעבונג און פרייהייט, האָט פאַר יידן זיך אָנגעהויבן אַ ביטערע פינסטערע צייט. די יאָר־הונדערטער, וואָס האָבן געהאַלטן די יידן אין דעם אייזערנעם צוים פונם געטאָ, האָבן געהאַט אַ שרעקלעכע השפעה אויף יידן אין קולטורעלן זין, און אויב זיי זיינען נישט פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון גראָבקייט און פאַנאַטיזם, האָבן זיי עס צו פאַרדאַנקען דער קינדער־דערציונג לויטן תלמודישן סיסטעם, וואָס האָט אַ פעסטן קולטורעלן יסוד און האָט נאָך עד־היום נישט פאַרלאָרן זיין באַדייטונג און השפעה.

לויטן דאָזיקן סיסטעם האָט מען צוערשט געלערנט דאָס קינד תורה, וועלכע איז דער יסוד פון יידישן לעבן. יעדע קהילה האָט געהאַט תלמוד־תורהס, וואָס זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער קהלשער קאַסע אָדער פון באַזונדערע חברות „תלמוד־תורה“, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן צו דעם צוועק. חוץ־דעם, זיינען געווען אַ סך פריוואַטע חדרים, וואו די מלמדים האָבן באַקומען באַצאָלט פון די עלטערן פון די קינדער. ווען

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין שול, האָט מען גע־מאַכט אַ גרויסן סעודה, כּדי דאָסדאָזיקע געשעעניש זאָל איינ־געקריצט ווערן ביי אים אין זכּרון אויפן גאַנצן לעבן. דערצו האָט מען על־פּי־רוב אויסגעקליבן דעם יום־טוב שבועות, זמן מתּן תּורה. דעמאָלט האָט מען דאָס ייִנגל ריין אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן אים אין יום־טובדיקע מלבושים, איינגעהילט אין אַ טלית, אָפּגעפירט אין שול אַריין און אַוועקגעשטעלט נעבן דער תּורה, בעת מען האָט געלייענט די עשרת־הדברות. דערנאָך האָט מען דאָס ייִנגל איבערגעגעבן דעם מלמד.

דער מלמד האָט גענומען דאָס קינד אויפן האַנט, כּדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: „כּאשר ישא האומן את היונק" (אַזוי ווי דער דערציִער טראָגט דאָס קינד) און דערנאָך אַוועקגעזעצט לערנען. גענומען אין האַנט אַ טאָוול מיט די אותיות פון אלף־בית און אייניקע פּסוקים פון דער תּורה, האָט דער מלמד פאָר־געזאָגט די אותיות און פּסוקים און דאָס קינד האָט נאָכגעזאָגט. דער טאָוול איז אָנגעשמירט געוואָרן מיט האָניק און דאָס קינד האָט אָפּגעלעקט, כּדי טועם צו זיין די זיסקייט פון דער תּורה. חוצדעם, איז צוגעגרייט געוואָרן אַ האָניק־קיכל און אַן איי, אויף וועלכע ס'זיינען אויך אָנגעשריבן געווען פאַרשידענע פּסוקים, און נאָכדעם ווי דאָס קינד האָט איבערגעזאָגט דעם אלף־בית און די פּסוקים, האָט עס באַקומען דאָס קיכל און דאָס איי, און דערצו נאָך עפּל און אַנדערע פרוכטן. די אַלע מאכלים האָט דאָס קינד געגעסן פאַר אַ סגולה, ער זאָל באַקו־מען אַ גוטע תּפיסה צום לערנען. מען האָט אויך באַשוואָרן דעם שר של שכחה, „ער זאָל צונעמען דעם פאַרשטאָפּטן קאָפּ פון קינד און אַוועקוואַרפן אויף בערגער און טאָלן". דערנאָך האָט מען דאָס קינד אַוועקגעפירט צו אַ טייך, מחמת די תּורה איז געגליכן צו וואַסער.

דידאָזיקע פייערונג איז פאָרגעקומען, ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרן פינף אָדער זעקס יאָר. דעמאָלט האָט דאָס ייִנגל גע־מוזט אַוועקוואַרפן זיינע שפּילערייען און שטיפעררייען און זיך אָפּגעבן דער תּורה פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט

מיט אַ הפסקה בלויז צום דאַווענען און עסן. די מלמדים האָבן אַפילו געשלאָגן די קינדער, הגם אַ סך גדולי־ישראל זיינען גע־ווען קעגן דעם.

אין משך פונם ערשטן האַלבן יאָר האָט דאָס יינגל געלערנט עברי און דעם צווייטן האַלבן יאָר האָט ער פאַרטייטשט די פרשה פון דער וואָך אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. אין יענער צייט זיינען געווען זייער ווייניק ספרים, האָט דער מלמד גע־מוזט אויפשרייבן דעם שיעור אויף הילצערנע אָדער שטיינערנע טאָוולען און ווען די קינדער האָבן אויסגעלערנט איין שיעור, האָט דער מלמד אים אָפּגעמעקט און אויפגעשריבן אַ נייעם שיעור.

אויפן צווייטן יאָר האָט דאָס יינגל אָנגעהויבן פאַרטייטשן תרגום אונקלוס אויף תורה, און אין משך פון די ווייטערדיקע צוויי יאָר האָט מען געלערנט נביאים און כתובים. אויפן צענטן יאָר האָט דאָס יינגל אָנגעהויבן צו לערנען משניות און אויפן דריי־צענטן יאָר האָט ער שוין געקענט עטלעכע קליינע מסכתות פון דער גמרא. די קינדער, וואָס די עלטערן האָבן זיי געוואָלט מאַכן פאַר לומדים, אָדער רבנים, האָבן ווייטער געלערנט ש״ס ביזן צוואַנציקסטן יאָר.

די דערציונג פון די יידישע קינדער ביזן 13־טן יאָר איז אין דער גאַנצער וועלט געווען איין דיזעלבע. דער יסוד פונם לערנפּראָגראַם איז געווען די תורה, דער גלויבן. און דאָס דערציונגס־סיסטעם האָט געהאַט די אויפגאַבע צו לייטערן די זינען פון קינד און צו באַרייכערן זיינע קענטענישן. די תורה איז געווען אַ שפּייז, וואָס האָט געדינט סיי פאַרן שׂכל און סיי פאַרן האַרץ, און דערין באַשטייט די מעלה פונם מיטלאַלטער־לעכן לערנסיסטעם.

די דערציונג פון די בחורים אָבער איז שוין געווען פאַר־שידן לויטן לאַנד, וואו מען האָט געוואוינט. ביי די יידן אין שפּאַניע און איטאַליע האָט דאָס לערנסיסטעם אַרומגעכאַפּט אויך כלערליי חכמות און וויסנשאַפטן. נאָך אַ צייט פאַר דער אַלגע־מיינער אויפלעבונגס־עפּאָכע איז דאָס לערנפּראָגראַם ביי די

שפּאַנישע יידן באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע געגנשטאַנדן: תּנ״ך העברעאיש, פּאָעזיע, תּלמוד, רעליגיע־פאָרשונג, אַריסטאָטעלעס׳ס לאָגיק, אויקלידעס כּללים, חשבון, מאַטעמאַטיק, אָפּטיק, אַסטראָ־נאָמיע, מוזיק, מעכאַניק, מעדיצין, פיזיק און מעטאַפיזיק. באַ־קומענדיק אַזאַ מין דערציונג, זיינען די שפּאַנישע יידן, נאַטיר־לעך, געשטאַנען אין בילדונג אויף דער העכסטער מדרגה פון זייער צייט.

דאָס לערנפּראָגראַם פון די יידן אין די איבעריקע אייראָפּייאי־שע לענדער איז שוין געווען זייער אַ מאָגערס, אָדער דער ייד האָט דאָך געקענט קוקן אויף זיך, ווי אויף אַן אַנטוויקלטן מענטשן. ער איז דאָך געווען רייכער ווי זיינע קריסטלעכע צייט־חברים. ר׳ שלמה יצחקי (רש״י) האָט נישט געקענט די אַראַבישע מאַטעמאַטיק, אָבער דאָך זיינען די אויכרעכנונגען, וואָס מיר געפינען אין זיינע פירושים צו דער תּורה און תּלמוד, זייער ריכטיק, און זיי באַווייזן, אַז ער האָט געהאַט אַ טיפע ידיעה אין די כּללים פון מאַטעמאַטיק. בכלל וואָלט מען אַ סך ענינים אין תּלמוד נישט געקאָנט גרינדלעך פאַרשטיין אָן דער הילף פון מאַטעמאַטיק. אין איינעם פון די ספרים פון אַ דייטשן פּוסק פון 17־טן יאָרהונדערט זיינען טאַקי פאַרצייכנט געוואָרן די מאַטעמאַטישע כּללים פון אייקלידעס, וואָס דורך זייער הילף לאָזט זיך פאַרשטיין די תּורה. די חשבונות פונם יידישן קאַ־לענדאַר, אין וועלכן די פראַנצויזישע און דייטשע רבנים זיינען געווען גוט באַהאַוונט, האָבן זיך אויך געגרינדעט אין געוויסע אַסטראָנאָמישע ידיעות.

ווי געזאָגט אָבער, האָבן די יידישע פאָלקסמאַסן אין אַנדערע לענדער נישט דערגרייכט צו דער בילדונגס־מדרגה פון זייערע שפּאַנישע ברידער. זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט פון איינאַנדער נישט בלויז אין דער צאָל ידיעות, נאָר אויך אין זייערע אָפּ־שוינגען. אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָט מען אויף קיין שום למוד, אויסער די רעליגיעזע למודים, נישט געלייגט קיין אַכט. די רעליגיעזע למודים האָבן פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מענטשלעכן אינטערעס און נישט געלאָזט קיין אָרט פאַר עפּיס אַנדערש.

דאָס לערנען מעטאַפיזיק איז באַטראַכט געוואָרן נישט בלויז פאַר אומנוציק, נאָר אויך פאַר געפערלעך. מחמת דידאַקטיקע חכמה גראָבט אונטער דעם גלויבן און ברענגט צו אפיקורסות. די שפּאַנישע און איטאַליענישע יידן האָבן, אמת, אויך באַטראַכט דעם גלויבן פאַרן לעצטן תּכלית פון אַלע קענטנישן, אָבער כּדי צו דערגרייכן דעמדאָזיקן תּכלית, מוז מען האָבן אַ ידיעה אין אַלע איבעריקע וויסנשאַפטן.

אַזעלכע מענטשן ווי ר׳ ידעית הבדרשי און אַנדערע, וועלכע האָבן אין 15־טן יאָרהונדערט פאַרטיידיקט דעם רמבמ״ס „מורה נבוכים״ געגן זיינע געגנער, וואָלטן געוויס געשטאַנען בראש פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, ווען די אויסערלעכע רדיפות און נגושות וואָלטן נישט פאַרשטיקט זייער געוואַלטיקן דורשט צו חכמות און קענטנישן. די גייסטע פאָרשונגען באַווייזן אַלעמאָל קלאָרער, אַז די מיטלאַלטערלעכע יידן זיינען בלויז דורך אויסערלעכע געוואַלטמיטלען באַזייטיקט געוואָרן פון אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער אויפלעבונגס־עפּאָכע.

פאַר דער דערציונג פון די פרויען האָט מען ביי יידן קיינמאָל נישט געזאָרגט, ווי געהעריק, דאָך האָבן יידן געהאַט אַ סך אַנטוויקלטע און געבילדעטע פרויען. זיי האָבן אַפילו נישט געלערנט ביי מלמדים און רבנים, אָבער אַ סך האָבן זיי געכאַפּט ביי זייערע עלטערן און ברידער. פיל יידישע פרויען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע גרויסע קענטנישן און זיינען געווען אומשטאַנד זיך אויסצושמועסן און מתוכּח צו זיין אין תּורה מיט באַרימטע רבנים.

אין אַלגעמיין האָבן פרויען זיך נישט געלערנט שרייבן, אָבער צייטנווייז זיינען געווען צווישן זיי געניטע שרייבערינס, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן זייערע מאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ און טיילמאָל איבערגעשריבן פאַרשידענע ספרים צום לערנען. אייניקע פון זיי, ווי די טאָכטער פון גאון ר׳ שמואל בן אלי פון באַגדאַד און מרים שפירא, די שטאַממוטער פון דער אַלטער פאַמיליע לוריע, האָבן אויך געלערנט מיט בחורים אין גרויסע ישיבות, דולציא די טאָכטער פון ר׳ אליעזר פון

יואָרמס האָט געהאַלטן דרשות אין שול. אַזעלכע פרויען זייַנען טאַקע געווען ווייניק ביי יידן, אָבער דערפאַר ביי זיך אינדערהיים האָט די מוטער תּמיד געשפּילט די ראָלע פון אַלערערין פון אירע קינדער. באַזונדערס איז די מאָראַלישע דערציונג פון די קינדער געווען אַחוב פאַר יעדער יידישער מוטער. די מוטערס האָבן געפירט זייערע טעכטער אין שול אַריין כּדי זיי מחנך צו זיין אין מצוות, און זיי געלערנט אַלע מצוות, וואָס זיינען נויטיק אין דער הויז־ווירטשאַפט. מען האָט די מיידלעך געלערנט עברי און דאַוונען און טיימאָל אויך פאַרטייטשן דעם חומש. בכלל אָבער האָבן יידן זיך באַמיט צו דערציען זייערע טעכטער פאַר גוטע פרויען און מוטערס. אין פאַרשידענע מוסר־ספרים און צוואות פון 14־טן יאָרהונדערט ווערט אָנגעזאָגט, אַז ווייבער און מיידלעך זאָלן נישט שטיין פאַרן טויער, כּדי צו הערן נייס, ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין יענער צייט. זיי זאָלן אויך נישט זיצן ליידיק, נאָר אַרבעטן, נייען, וואַשן און קאָכן. אין די ספרים, וואו יידן פלעגן פאַרצייכענען די נעמען און דעם געבורטסטאָג פון זייערע קינדער, איז נעבן יעדן יינגל געווען צוגעשריבן: „גאָט זאָל געבן, איך זאָל אים מגדל זיין צו תּורה, חופּה און מעשים טובים" און ביי יעדער מיידל איז געווען צוגעשריבן: „גאָט זאָל געבן, איך זאָל זי מגדל זיין צום נייען, שפּינען און מעשים טובים".

די יידישע פרויען האָבן מעורר געווען זייערע מענער און קינדער צו לערנען תּורה. פאַרן געלט, וואָס זיי פלעגן באַקומען במתּנה פון זייערע מאַנען, האָבן זיי געקויפט ספרים צום לערנען. אָנשטאָט צאַצקעס. פאַר אָרעמע לייט, תּלמידי־חכמים, איז זייער שטוב געווען תּמיד אָפן. די קינדער האָבן זיי אַליין געפירט אין די חדרים און תּלמוד־תּורהס און געטאָן אַלצדינג, כּדי זיי איינצוגעבן חשק צום לערנען.

די מיטלאַלטערלעכע שפּילן.

די יידן אין מיטלאַלטער האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע שפּילן פון זייער עפּאָכע. בלויז אין איינצלנע פאַלן האָט דער גלויבן זיי געשטערט זיך צו ווײַלן און צו געניסן פון לעבן.

שבת און יום־טוב איז געווען אַ צייט נישט נאָר פאַר דאַוונען, נאָר אויך פאַר עסן און טרינקען און שפּאַצירן. אום יום־טוב פלעגן יידן גיין צום טייך זיך צוצוקוקן, ווי די פיש שווימען אין וואַסער און כאַפּן די ברעקלעך ברויט, וואָס מען וואַרפט זיי צו.

אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן יידן זיך אָפּגעגעבן מיט יענע שפּילן און פאַרווײַלונגען, וואָס אַנטוויקלען און שטאַרקן דעם גוף, ווי לויפאיבונגען, שיסן אין ציל, טראָגן שווערע שטיינער און אויפהויבן זיי, צו שטאַרקן די מוסקולן. אָבער וואָס ווייטער אין מיטלאַלטער זיינען די לייב־איבונגען אָפּגעשאַפט געוואָרן און זייער אָרט האָבן פאַרנומען גייסטיקע איבונגען און פאַרווײַלונגען.

דער געיעג אויף חיות איז פון קדמונים אָן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אומדערבאַרמדיקע פאַרווײַלונג, וואָס געהער צו די „דרכי־הגוים”. איינער פון די גדולי־התורה אין מיטלאַלטער האָט געזאָגט, אַז ווער ס'כאַפּט חיות דורך הינט, דער וועט נישט זען קיין שמחה אויף זיין לעבן.” אָבער דאָך זיינען פאַראַן רמזים, אַז איניקע יידן זיינען געגאַנגען אויף געיעג. אין

פראָוואַנס האָבן יידן געהאַט געלערנטע רויבפייגל, וואָס זיי האָבן זיי מיטגענומען אויפן געיעג.

מיט מער ליבשאַפט האָבן יידן זיך אָפּגעגעבן מיט טורנירן און אַנדערע איבונגען, וואָס פירן נישט צו אַכזריות געגן חיות. על־פּי־רוב אָבער האָט מען זיי נישט דערלויבט צו טראָגן געווער אַפילו אין זייערע אייגענע קוואַרטאַלן, כּדי זיך צו פאַרטיידיקן געגן די אָנפאַלער. אין שפּאַניע האָבן די יידן זייער געשעצט דאָס רעכט צו טראָגן געווער. אין פּאָרטוגאַל האָט מען אין יאָר 1481 פאַרמסרט די יידן פאַר יאָאָן דעם צווייטן, אַז זיי רייטן ווי די ריטער אויף פערד און מויל־אייזלען, אָנגעטאָן אין גרויסאַרטיקע מאַנטלען און געגולטע גאַרטלען.

דער שפּיל אין באַל איז אויך געווען זייער באַליבט ביי יידן. און נאָך גאָר פאַרצייטן האָבן, יום־טוב־צייט, דערוואַקסענע מענער און באַזונדערס פרויען געשפּילט אין באַל אין די גאַסן און אויף די עפנטלעכע פּלעצער. אַמאָל האָט מען אָנשטאָט באַלן געשפּילט אין ניס און עפּל.

די אָנגענומענסטע קערפּערלעכע פאַרוויילונג ביי יידן איז אָבער געווען דער טאַנץ, און אויסער וואָס ער איז געווען אַ תּענוג פאַר די טענצערס גופא, איז ער אויך געווען אַ גרויסאַרטיק מיטל אַרויסצורופן שמחה און התלהבות צווישן אַלע פאַרזאַמלטע. די יידישע טענץ האָבן זיך מער אויסגעצייכנט מיט דער רוישי־קער באַוועגונג, ווי מיט דעם ריטם און טאַקט. אין אַזעלכע טענץ, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט פאַר מענער, איז, נאַטירלעך נישט געווען אָנשטענדיק, אַז פרויען זאָלן זיך אויך באַטייליקן אין זיי. דאָס פאָלק האָט אָבער דאָך געהאַט אַ נייגונג צו געמישטע טענץ פון פרויען מיט מענער. די רבנים זיינען אַלע געווען געגן אַזעלכע טענץ, און האָבן געפּסקנט, אַז אַפילו אין אַ טרויער דאַרפן זיין מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער, אַ פּשיטא שוין אויף אַ שמחה. אויך קינדער האָבן זיך געשפּילט באַזונ־דער: ייִנגלעך מיט ייִנגלעך און מיידלעך מיט מיידלעך. די רבנים האָבן געמאַכט איין הנחה, אַז אַ מאַן מעג טאַנצן מיט

זיין ווייב, אַ פאָטער מיט זיין טאָכטער, אַ מוטער מיט איר זון, און אַ ברודער מיט זיין שוועסטער. ס'זיינען אָבער געווען ערטער, וואו דער המון האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט דערדאָזיקער הנחה, און בחורים און מיידלער, באַווייבטע מענער און פרעמדע פרויען האָבן געטאַנצט צוזאַמען.

צו די יידישע גייסטיקע פאַרוויילונגען געהער די שפּילן אין חשבון, גמטריאות, אין פסוקים און „סמך־פא" (סתומות פסוחות), און באַזונדערס אין רעטענישן, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אין גראַמען און זיינען געווען זייער באַליבט די מיטלאַלטערלעכע פּאָעטן.

דאָס שאָכשפּיל איז שוין אין 12־טן יאָרהונדערט געווען זייער אָנגענומען ביי יידן, און מען האָט אויך געשפּילט דערין שבת און יום־טוב, נישט אַרויסרופנדיק קיין אסור מצד די רבנים. אויב מאַנכע רבנים זיינען אַמאָל יאָ אַרויסגעטראָטן געגן דעמדאָזיקן שפּיל, האָבן זיי עס געטאָן נישט צוליב חילול שבת אָדער צייט־פאַרלוסט, נאָר צוליב דעם, וואָס מען האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַן אַזאַרט־שפּיל צו געווינען און צו פאַרשפּילן געלט. שפּעטער, אין 17־טן יאָרהונדערט, האָבן מאַנכע רבנים מתּרעם געווען דערויף, וואָס מען פאַרברייגגט בחינם די צייט ביי דעמדאָזיקן שפּיל. דאָס שאָכשפּיל איז אַזוי־אַרום געווען אַ יידיש שפּיל און אַ יידישע פאַרוויילונג.

יידן פלעגן זיך אָבער אויך אַריינציען אין מאַנכע אַזאַרט־שפּילן, וואו מען האָט פאַרשפּילט אָדער געוואונען גרעסערע סומעס געלט. אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד האָט צווישן יידן זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אין מיטלאַלטער דאָס „ווירפל־שפּיל", „גראָד צו אום", „גאַנץ צו האַלב", ווי אויך געוועטן און וואַרפן גורל. אין 15־טן יאָרהונדערט, ווען אין גאַנץ אייראָפּע איז באַקאַנט געוואָרן דאָס קאָרטן־שפּיל, איז עס שטאַרק אָנגענומען געוואָרן צווישן יידן. די תאוה צום דאָזיקן שפּיל האָט דעמאָלט פאַרכאַפּט נישט בלויז דעם המון, נאָר אויך די העכערע שיכטן און וואויללערנער. ר' יהודה אריה די מודינא, אַ לערער און אַ דרשן אין ווענעציע און אַ באַרימטער שריפטשטעלער, איז גע־

ווען פאַרקאָכט אין קאָרטן־שפּיל פון די ייִנגליאָרן ביזן טיפן עלטער. אין דער יוגנט האָט ער אַפילו פאַרפאַסט אַ ספר געגן קאָרטנשפּיל אונטערן נאָמען „סור מרע" (מייד אויס דאָס שלעכטס), אָבער ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אָפּגעווייִנען פונם קאָרטנשפּיל. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די רבנים אין ווע־נעציע האָבן אַרויפגעלייגט אַ חרם אויפן קאָרטנשפּיל אויף אַ טער־מין פון 6 יאָר. דעמאָלט האָט ר' יהודה אריה די מודינא פאַר־פאַסט אַ ספר, וואו ער האָט דורך זיין גרויסער בקיאות און חריפות אין תורה, זיך באַמיט צו באַווייזן דעם היפוך, וואָס ער האָט געוויזן אין זיין יוגנט־חיבור, ד. ה. אַז מען מעג יאָ שפּילן אין קאָרטן.

די בעסטע און אָנגעזעענסטע יידן אָבער האָבן געקעמפט געגן דער פאַרשפּרייטונג פון קאָרטנשפּיל. איינצלנע מענטשן, פאַר־ברענטע קאָרטנשפּילער, האָבן געמוזט געמען אויף זיך מיט אַ נדר און אַ שבועה פאַר עדות און טיילמאָל שריפטלעך, אַז זיי וועלן מער נישט שפּילן. פאַרשידענע קהילות, באַזונדערס אין איטאַליע, האָבן אַרויסגעגעבן תקנות, אַז מען טאָר זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזוינע שפּילן. די מוסר־ספרים האָבן געשטראָפט אַמאָל מיט ערנסטע ווערטער און אַמאָל חוזק געמאַכט פון די אַלע, וועלכע ווילן רייך ווערן דורך אַזאַרטשפּילן. פּאָעטן האָבן פאַר־פאַסט לידער אין העברייאיש און אין יידיש געגן די טרויריקע פאָלגן פון קאָרטנשפּיל, און עלטערן האָבן געוואָרנט די קינדער נישט אַריינצופאַלן אינם קאָרטנגעץ. דער רמב"ם האָט געשריבן צו זיין זון: „דאָס שפּיל איז אַ זאַך, ביי וועלכער דער מענטש פאַרלירט זיין געלט, זיין כבוד און זיין צייט, און אויב ער געווינט, האָט עס נישט קיין האַפט". און ר' יעקב בעל הטורים האָט אין זיין צוואה אָנגעזאָגט די קינדער, אַז „זיי זאָלן נישט שפּילן אין געלט, ווייל ס'איז אַ גזלה".

די אַלע מיטלען און התראות האָבן אָבער ווייניק געהאָלפן. אין יאָר 1520 איז געווען אַ שול־שמש אין דער ריין־געגנט, וואָס האָט געמאָלט קאָרטן, און זיין שווער האָט זיך געקלאָגט פאַרן שררה אויף אַן אַנדער ייד, וואָס האָט אים משיג גבול געווען און אַריינגעבראַכט קאָרטן פון דער פרעמד...

די יידיש־קריסטלעכע באַציאונגען.

אויב מען זאָל אורטיילן וועגן די יידיש־קריסטלעכע באַציאונגען לויט די לאַנד־געזעצן, וואָלט מען באַקומען זייער אַ טרויעריק בילד; די געזעצן זיינען אָבער נישט אַלעמאָל דערפילט געוואָרן, מחמת דאָס לעבן איז געווען שטאַרקער פאַר זיי. אין אמתן זיינען די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן געווען גאַנץ אַנדערש, ווי די קירכן־פאַרזאַמלונגען האָבן זיי געוואָלט איינשטעלן; די קירך האָט תמיד געשטרעבט אָפּצוזונדערן די יידן פון די קריסטן און אויפצושטעלן אַ שיידוואַנט צווישן זיי, אָבער דאָס לעבן האָט געצוואונגען ביידן צו פאַרקערן צווישן איינאַנדער.

ביזן סוף פון XII־טן יאָרהונדערט האָבן די יידן געלעבט אין פריינטשאַפט מיט זייערע קריסטלעכע שכנים. ערשט אין XIII־טן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין זייערע באַציאונגען. די קרייצצוגן, די אַלביגענזער באַוועגונג, דאָס מאַנאַכנטום, די השפעה פון אינאָצענץ III, דער „שוואַרצער טויט" און די רעליגיעזע אומרוען פון דער רעפאָרמאַציע־צייט —

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געווירקט אויף די יידיש־קריסטלעכע באַציאונגען.

אין איטאַליע איז דער המון דורכגעדרונגען געווען מיט אַ שטאַר־קער שנאה צו יידן, אַזוי אַז די יידן האָבן געמוזט זוכן הילף ביים מלך אָדער ביי דער אַדמיניסטראַציע. די פויפסטן גופא (חוץ אינאָצענץ III) האָבן געשיצט די יידן אין זייער אייגע־נער מדינה, בעת די הערשער פון אַנדערע מלוכות האָבן זיי געוואָרנט צו רודפן זייערע יידן און צו דערפילן בנוגע זיי אַלע קאַנאָנישע געזעצן. די איטאַליענישע גלחים זיינען נישט געווען קיין גרויסע פאַנאַטיקער און האָבן נישט געהעצט קעגן יידן ביזן סוף פון XV יאָרהונדערט. די איטאַליענישע פּאָעטן האָבן זיך באַצויגן צו יידן בעסער, ווי די דייטשע פּאָעטן. אויך צווישן די איטאַליענישע אַדללייט, וועלכע האָבן זיך עפטער פאַרנומען מיט מסחר, איז נישט געווען אַזוי* שטאַרק די שנאה צו יידן, ווי צווישן די אַדללייט און די ערד־אייגנטימער אין די איב־ריקע לענדער.

גאַנץ־אַנדערש איז עס אָבער געווען אין די אַנדערע לענדער; דאָרט איז די שנאה צו יידן געגאַנגען פון די אויבערשטע שיכטן צו די אונטערשטע, פון די אַדללייט און גלחים צום המון, אַזוי אַז די יידן־פיינטשאַפט פון המון איז געווען אַ קינסטלעך ווערק. בעת דעם ערשטן קרייצצוג האָט דער המון אין ריין־לאַנד פאַר־טיידיקט די יידן קעגן די ריטער—די קרייצטרעגער. ערשט ביים צווייטן קרייצצוג האָבן געווירקט די געפערלעכע העצע־דרשות פון מאָנאַך רודאָלף, אויסצוקוילענען די יידן א. ד. גל.

און העצערס האָבן קיינמאָל נישט געפעלט צווישן די אויבערשטע שיכטן. די וואַנדערדיקע מאָנאַכן האָבן געשפילט די ערשטע פידל אין דער העץ־קאַמפּאַניע. זיי האָבן אונטערגעהאָלפן די יידישע משומדים, וועלכע האָבן דורך העצערייען קעגן זייערע אַמאָליקע ברידער געוואָלט אַרויסווייזן זייער געטריישאַפט צום נייעם גלויבן. אין XV יאָרהונדערט איז געגרינדעט געוואָרן דער יעזואיטן־אָרדן, און אומעטום, וואו לאַיאָלאַס תלמידים זיינען גע־קומען, האָבן זיי פאַרסמט די לופט מיט זייערע העץ־רייד און

אָנגערעדט די הערשער אַרויסצוגעבן נייע גזרות אויף יידן. אַפילו קריסטלעכע געלערנטע ווי אַלבערטוס מאַגנוס און טאָמאַס דע־אַקווינאָ, וועלכע האָבן זייער ליב געהאַט די יידישע חקירה־ספרים און אויך געהאַט אַ סך חברים—יידן, האָבן דאָך געהעצט קעגן יידן. דער ערשטער האָט אונטערגעשריבן דעם דעקרעט וועגן פאַרברענען דעם תלמוד און דער לעצטער האָט געשאָלטן און געזידלט יידן אין זיינע שריפטן. ביידע האָבן, קענטיק, געוואָלט מכפר זיין דערמיט דעם חטא, וואָס זיי האָבן זיך מקרב געווען צו יידן.

די אויסטערלישע בלבולים, וועלכע האָבן פאַרשאַפט אַזויפיל ווייי און יסורים די יידן, זיינען אויך אַ ווערק פון די העכערע קלאַסן. דער בלוט־בלבול, וועלכער האָט געבראַכט שרעקלעכע צרות אויף יידן, און די באַשילדיקונג, אַז יידן פעלט דאָס געזעלשאַפטלעכע געפיל, זיינען אויסגעטראַכט געוואָרן נישט פון פאָלק. די קריסטלעכע געלערנטע האָבן איינגעזען, אַז די יידישע געזעצן פאַרווערן יידן צו עסן און צו טרינקען ווייַן צוזאַמען מיט קריסטן, האָבן זיי אָפּגעפסקנט, אַז יידן פעלט דאָס געזעלשאַפט־לעכע געפיל און אַז זיי האָבן פיינט די־יעניקע, וואָס טוען זיי גוטס. אַנדערש האָבן זיי די זאַך נישט געקאָנט און נישט גע־וואָלט פאַרשטיין. און זיי האָבן גערעדט און געשריבן וועגן דער־דאָזיקער יידישער פיינטשאַפט, ביז מען האָט אָנגעהויבן צו גלויבן דערין. די פּאָעטן האָבן איינגעפלאַנצט דידאָזיקע מיינונג ביי דעם אַדל און די מאָנאַכן—ביים פאָלק. אויב דער המון האָט גע־גלויבט, אַז יידיש בלוט איז שוואַרץ און פאַרעפּושט און אַז מען פילט פון יידן אַ בעזונדערן „יידישן ריח"; אויב דער המון האָט געהאַלטן די יידן פאַר מכשפים און וואַסער־פאַרגיפטער, זיינען אין דעם שולדיק בלויז די אָנפירער פון דער קירך. אמת, די רדיפות פון דער קירך זיינען אויסן געווען בלויז באַ־רעמהאַרציקייט און גוטסקייט, מחמת זי האָט געוואָלט, אַז יידן זאָלן זיך שאַפן עולם־הבא. אָבער דער פּראָסטער המון, וואָס האָט ער געקאָנט טראַכטן, צוזעענדיק ווי יעדע קירכן־פאַרזאַמלונג האָט אַרויסגעגעבן נייע גזירות אויף יידן, ווי דער תלמוד ווערט

קאָנפיסקירט און פאַרברענט און די יידן ווערן פאַרברענט אויף שייטער־הויפנס, ווי די פּויפּסטן און די גלחים וואָרענען יעדן רעכטגלויביקן קריסט צו דערווייטערן זיך ווי ווײַט מעגלעך פון יידן, נישט צו טאָן זיי קיין טובה און נישט צו נעמען פון זיי קיין טובה. און דער המון איז טאַקע אַזויאַרום געקומען צום באַשלוס, אַז יידן זיינען די ערגסטע אין דער וועלט, און ס'איז אַ מצוה זיי צו רודפן און צו ממיתן!

דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס יעדעס מאָל, ווען דאָס פאָלק האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו יידן, איז געקומען די קירך און אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן זיי. אין XV יאָרהונ־דערט, נאָכדעם ווי דאָס פאָלק איז אַ ביסל געקומען צו זיך פון „שוואַרצן טויט", האָבן זיך דערוועקט אין אים פריינטלעכע גע־פילן. דאַן איז געקומען די קירך און פאַרווערט, אַז קריסטן זאָלן זיך באָדן אָדער עסן און טרינקען צוזאַמען מיט יידן, און זיי שטריינג אָנגעזאָגט, אַז יידן זיינען די פיינט פון גאָט און פון מענטשן.

און וויאַזוי — פרעגט זיך — האָבן יידן זיך דעמאָלט באַצויגן צו קריסטן?

בכלל האָבן יידן געצאָלט מיט פריינטשאַפט פאַר פריינטשאַפט און מיט פיינטשאַפט פאַר פיינטשאַפט. אָבער דער מקור פון די פיינט־לעכע געפילן האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט הן ביי יידן, הן ביי קריסטן. ביי קריסטן האָט די שנאה געשטאַמט פון די העכערע קלאַסן, וועלכע האָבן זיי איבערגעטראָגן אויף די ניד־ריקע. דער המון איז בטבע געווען טאָלעראַנטער, ווי זיינע גלחים און געזעצגעבער. פאַרקערט, ביי יידן האָבן די רבנים און חכמים גערעדט פון טאָלעראַנץ צו קריסטן, בעת דער יידי־שער המון האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אַזאַ געפיל.

און די זאַך איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: דער קריסטלעכער טעאָ־לאָג און גלח האָט געשטרעבט מיט אַלע כחות אַרונטערצונעמען די יידן אונטער די פליגלען פון זיין גלויבן און די עקשנות פון די יידן האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ פערביטערונג און אַ פיינטשאַפט. דער יידישער רב און חכם האָט אָבער קיינמאָל נישט

געשטרעבט מגייר צו זיין די גוים, מחמת לויט דער אָנשויאונג פון יידנטום האָבן די חסידי אומות־העולם אַ חלק עולם־הבא, אפילו בלייבנדיק געטריי ביי זייער גלויבן.

דער רמב״ם האָט פיל געליטן פון די מוסולמענישע פאַנאַטיקער אין שפאַניע און מאַראָקאָ, וועלכע האָבן געצוואונגען די „אומגלויביקע" איינוואוינער אָנצונעמען דעם איסלאם אָדער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און דאָך האָט ער אין זיינע שריפטן גערעדט מיט דער גרעסטער טאָלעראַנץ וועגן איסלאם. ר׳ יהודה הלוי, וועלכער האָט געלעבט מיט אַ דור פריער, ווי דער רמב״ם, האָט אין זיין ספר „הכוזרי" זיך באַצויגן צום קריסטנטום מיט דערזעלביקער טאָלעראַנץ, און זיך עפטער באַנוצט מיט קריסטלעכע אידייען און מיט זייער סטיל. ר׳ מיימון, דער פאָטער פון רמב״ם, האָט זיך באַנוצט מיט געוויסע אויסדרוקן פון דער מוסולמענישער טעאָלאָגיע און אין אייניקע פון זיינע מאמרים הערט זיך אַ מין אָפּקלאַנג פון קאָראַן. דער באַקאַנטער ספר „חובת הלבבות" פון רבנו בחיי הדיין איז אָנגעשריבן געוואָרן אין גייסט פון קריסטלעכן מאָנאַכנטום, און דן יצחק אַבּרבּנאַל דערמאַנט אין זיין פירוש אויף תורה די נעמען פון פיל קריסטלעכע חכמים.

פאַרשטאַרקט די שנאה צו יידן און צום יידישן דת האָבן די יידישע משומדים, און באַזונדערס דער משומד ניקאָלאַי דונין, וועלכער האָט אַגיטירט קעגן תלמוד, אַז מען זאָל אים פאַרברענען. אויב אַ געוועזענער ייד און למדן רעדט שלעכטס אויף יידן און אויפן יידישן דת, דאַרף מען אים בודאי גלויבן—אַזוי האָבן געהאַלטן די קריסטן. די יידישע משומדים האָבן עס אויפגעגעבן דעם פּלאַן וועגן עפּענטלעכע דיספּוטן צווישן גלחים און רבנים, וועלכע האָבן עפטער געפירט צו אָנפאַלן און שחיטות אויף יידן און צו קאָנפיסקירן זייערע רעליגיעזע ספרים.

דער ערשטער אויפטוער פון עפּענטלעכע וכוחים איז געווען דער משומד פּאַבּלאָ קריסטיאַנא, און דער וכוח, וואָס איז פאַרגעקומען צווישן אים און ר׳ משה בן נחמן (רמב״ן) אין באַרצעלאָנאַ, אין יאָר 1263, האָט געבראַכט דערצו, מען זאָל

צענזורירן דעם תּלמוד און אַרויסשיקן דעם רמב״ן פון שפּאַניע, אַלס לעסטערער פון קריסטלעכן גלויבן.
אין די שפּעטערע יאָרהונדערטער האָט די פערביטערונג צווישן די דיספּוטאַנטן זיך פאַרשטאַרקט און די שנאה צו יידן איז גע־וואַקסן.
אין יאָר 1413 האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוואוסטער דיספּוט אין טאָראָטאָזאַ, וועלכער האָט געדויערט אַ יאָר מיט ניין חדשים און וואָס האָט אויפגעבלאָזן די שנאה־געפילן צו יידן ביז דעם העכסטן גראַד. די קריסטן האָבן דערביי זיך באַנוצט מיט די שטאַרקסטע אויפרייצמיטלען קעגן יידן. אויפן אָרט פון ופוח האָט מען גע־בראַכט אַ צלם מיט געזאַנגען און ליבלידער, און צו די יידן האָט מען זיך געווענדט מיט אַ פייערלעכער אויפפאָדערונג, אַז זיי זאָלן אָנערקענען די ריכטיקייט פון קריסטלעכן גלויבן.

אין אָנהויב פון XV יאָרהונדערט האָט זיך ביי די קריסטן דער־וועקט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג אַריינצונעמען די יידן „אין שויס פון קריסטלעכן גלויבן״ און דעריבער האָט מען געצוואונגען יידן צו קומען אין די קירכעס אויסהערן די דרשות פון גלחים קעגן יידנ־טום. בעת די יידן זיינען געקומען אין די קירכעס, האָט מען זיי באַקוקט די אויערן, צי זיי זיינען נישט פאַרשטאָפּט מיט וואַטע, און אויפזעער האָבן האָבן אַכטונג געגעבן, אַז די יידן זאָלן נישט איינשלאָפן בעת דער דרשה. די קליינע פּעולה, וואָס די דרשות האָבן געהאַט אויף יידן האָבן אַרויסגעבראַכט די קריסטן פון געדולט, און די דרשות האָבן זיך טיילמאָל געענדיקט מיט אָנפאַלן און שלעגערייען.
אָבער אויסער דידאָזיקע געצוואונגענע באַגעגענישן צווישן יידן און קריסטן, זיינען אויך געווען פאַלן פון פּריינטשאַפט און לי־טעראַרישער התקרבות אָן אַ שום שלעכטער כּונה, און דערמיט האָט זיך אויסגעצייכנט באַזונדערס איטאַליע. דאָסדאָזיקע לאַנד איז אין אַלע צייטן געווען אַן אָרט, וואו יידישע און קריסטלע־כע געלערנטע זיינען זיך צונויפגעקומען און פאַרבראַכט פריינט־שאַפטלעך צוזאַמען. אין X־טן יאָרהונדערט איז דער יידישער

דאָקטאָר און געלערנטער דאָנאָלאָ געווען אַ גרויסער פריינט פונם גלח נילוס. דידאָזיקע פריינטשאַפט האָט נאָך געשטאַמט פון זייער קינדוויז אָן און גרויסערהייט האָבן זיי געפירט צווישן זיך אַ וכוח וועגן אַלגעמיינע ליטעראַרישע ענינים. ר״י אַנאַטאָלי און מיכאַל סקאָטוס זיינען אויך געווען געטרייע פריינט, און אַ דאַנק דידאָזיקע פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען זיינען אויסגעפירט געוואָרן פיל איבערזעצונגען פון דער אַראַבישער אויף דער גריכישער שפּראַך, אויף לאַטייניש.

דער גרעסטער מיטלאַטערלעכער פּאָעט דאַנטע און דער יידישער פּאָעט עמנואל הרומי זיינען, קענטיק, געווען מער פערבונדן צווישן איינאַנדער ווי געוויינלעכטע פריינט. בעת דאַנטע איז געשטאָרבן, האָט דער אַדוואָקאַט באָסאָני די עגאָוויאָ געשיקט עמנואלן אַ טרייסט־שיר. די קראַפט, וואָס האָט געצויגן דעם דייטשן הומאַניסט רייכלין צו יידן, האָט אים אויך בעוועגט צו לערנען תנ״ך אין אָריגינאַל און באַקענען זיך מיט דער קבלה, וועלכע איז געווען דעמאָלט אַזוי באַליבט ביי די קריסטלעכע געלערנטע. דער באַרימטער איטאַליענער פּיקאָ דע מיראַנדאָלאָ האָט געלערנט העברייאיש און קבלה ביי ר״א דעלמעדיגאָ און ר״י אַלימאַן און געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט זיי.

נאַטירלעך, זיינען געווען אַזעלכע קריסטן, וואָס האָבן געלערנט העברייאיש און קבלה מיטן צוועק צו פאַרשאַפן זיך דאָרט געווער צו קעמפן מיטן יידנטום. צוליב דעם איז אַרויסגעשוואומען ביי יידן די פראַגע: צי מעג מען לערנען תורה מיט קריסטן. און, נאַטירלעך, זיינען געווען פיל אַזעלכע, וואָס זיינען געווען קעגן דעם; דער רמב״ם האָט אָבער נישט געהאַלטן מיט זיי, און מיט זיין באַקאַנטער טאָלעראַנץ האט ער געזאָגט: „מען מעג לערנען מצוות די קריסטן... ווייל זיי גלויבן אין דער געטלעכקייט פון דער תורה... און זי געהערט צו זייערע הייליקע שריפטן״. דידאָזיקע מיינונג איז געווען אָנגענומען אין איטאַליע, וואו אליזר דע וויטערבאָ האָט קאָרעספּאָנדירט מיטן בישאָף סירלעטאָ אין לאַטייניש וועגן תנ״ך. ר׳ אליהו בחור און

אַנדערע האָבן געלערנט תּורה מיט אַ סך קריסטן און ער און ר׳ יעקב לואַנס, ווי אויך ר׳ עובדיה ספירנו האָבן מיט זייער ליטעראַרישער טעטיקייט פיל מיטגעהאָלפן צו דער אַנשטייאונג פון דער פּראָטעסטאַנטישער רעפאָרמאַציע.

ליטעראַרישע פריינטשאַפט צווישן יידן און קריסטן געפינען מיר נאָר אין איטאַליע. אין אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער האָט דער מסחר געבראַכט צו אַ דערנענטערונג צווישן יידן און קריסטן. זיי האָבן עפטער געפירט געשעפטן בשותּפות, נישט־געקוקט אויף די קירכלעכע פאַרבאָטן. אין דעם XI־טן יאָרהונדערט האָט מען אין ליאָן איבערגעטראָגן דעם מאַרק־טאָג פון שבת אויף זונטאָק צוליב יידן. אַ דייטשער ריטער אין XV יאָרהונדערט, וועלכער האָט עפטער אויפגענומען ביי זיך יידישע געסט, האָט יעדעס מאָל, ווען אַ ייד איז אַריינגעקומען צו אים, אַראָפּגענומען פון זיך דעם צלם, כּדי מען זאָל זיך קענען באַגריסן דורך אַ נויג מיטן קאָפּ צו איינאַנדער. ס׳זיינען געווען פיל קריסטן, וואָס זיינען אויך געקומען אויף יידישע שמחות.

די יידן פון זייער זייט האָבן געצאָלט די קריסטן מיט דערזעלבער מטבע. זיי האָבן געשיקט מתּנות קריסטן אום פּורים און ל״ג־בעומר, און אויך אין זייערע חגאות. בכלל האָבן יידן פאַרבראַכט ביי קריסטן און קריסטן ביי יידן.

דער תּנ״ך, וואָס ווערט אויך פאַרהייליקט ביי קריסטן, באַזונדער אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער, האָט אויך פיל גורם געווען צו דערוועקן דערט אַכטונג און ליבשאַפט צו יידן.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHÈQUE